זיבעצענטער יאהרגאנג
№ 13
פרייז 20 גראשען — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Biblyot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 295.

Piątek 1 kwietnia 1938 — ליכט-צינדען 5.57 — פרייטאג פ' תזריע כ"ט אדר ב' תרצ"ח

Pieczątki oraz paczkę z kartami zdrowia T-wa „Toz" łask. znalazca zechce zwrócić za wynagrodzeniem do sekretarjatu.

Dr. Dawid Stobiecki
Adwokat
otworzył kancelarję
w Częstochowie, Nowy Rynek 11

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.
מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאכאוו נישט געווען.
כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
א קאלנער מיט א הערליכען גלאנץ 10 גר.
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געווארען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט.
ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na lekcje kompletowe i pojedyncze.
codziennie od 10—21
אכטונג: יעדען שבת פראקטישע רעקציע פאר יודישער געזעלשאפט.
אנהויב 7.30 אווענד. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

צוליעב'ן טויט פון אונזער מחותנת'טע
נ"ע פריידע אסתר
ראזענבערג
דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל די אין טיעפען טרויער פערבליבענע קינדער.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
מ. הערמאן און פרוי.

בעקאנטמאכונג.

דער בעקער-צעך מאכט בעקאנט, אז פון זונטאג דעם 3 טען אפריל 1938 י. ווערט אויסגעבאקען שהנע און דינע מצות צו ביליגע פרייזען אונטער דער שטרענגער השגחה פון היגען ראבינאט אין פאלגענדע בעקערייען:

1) מאניע גאלדבערג, אין דער בעקעריי פון ה. קאזלאווסקי, אלעע 30
2) איטשע סעצעמסקי, אלעע 2
3) סמאלארטשיק—אוויעטשקא, אלעע 1 (פזשעראווסקי'ס בעקעריי)
4) מאיר שיפער, מאסטאווא 13
5) יצחק קאלטון, נארוטאוויטשא 35
6) יענטיל זיידמאן, פטאשע 1, געוועלב אלטער מארק 18
7) בעריש יאראנאווסקי, בעריל איצקאוויטש און פיניע סעצעמסקי, סענאטארסקא 2 (פענטשאקס בעקעריי) געוועלב ווארשאווער 15
8) משה ווינדמאן, פילסודסקי 17
9) יאסקיעראוויטש—פונטאוויטש גארנצארסקא 28, געוועלב אלטער מארק 26
10) פרישמאן—וואלערמאן, נאדרזשעטנא 28, געוועלב ב. יאסעלעוויטשא 1
11) זילבערפעלד—ווינדמאן, גארנצארסקא 54, בעקעריי פון א. שטערן, געוועלב אלטער מארק 14
12) קאלין און ל. געלקאפף, קאשאראווא 7/8, געוועלב, אל. מארק 14
13) איילענבערג—פאגעל, ווארשאווער 21, ארזשעכ'ס בעקעריי, געוועלב ווארשאווער 32
14) אברהם סעצעמסקי, גארנצארסקא 67, געוועלב ווארשאווער 3.

W SOBOTĘ, DNIA 2 KWIETNIA
urządza Komitet Rodzicielski Gimnazjum Żydowskiego
z okazji otwarcia nowego gmachu
CZARNĄ KAWĘ
dla wszystkich rodziców, przyjaciół i sympatyków gimn.
Początek o godz. 8 wiecz. w salach nowego gmachu pry ulicy Jasnogórskiej 8-10. Dochód—na wykończenie budowy gmacqu.

לכבוד פסח איז צו בעקומען **צוקער, זאלץ, קארטאפעל-מעהל**
בהכשר הביד"צ אין דער בעוואוסטער הורטאווניע פון
ראובן באראן, אגראראווא 3 №
הורט און דעטייל.

פארבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאבריק און קאנטאר: ב. יאסעלעוויטשא 11
פיליע 2-טע אלעע 16 (הויז פון ז' אימיך)
מענער-קראגענס ווערען ווייטער געוואשען מיט דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ צום פרייז **10 גר.**
ספעציאליטעט:
1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט), 4) כעמיש ריייניגען און פאסאנירען קאפעלושן.
די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אן אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאנגיעהריגער פראקטיק

אויפרוף

יאהר יעהרליך ווענדעט זיך די קהלה צו אייך וועגען הילף פאר אונזערע ברידער אויף יום-טוב; יאהר-יעהרליך ווערט אייך דערצעהלט וועגען דער נויט, וואס הערשט ביי א גרויסען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג.

היי-יאהר אבער קומט די קהלה צו אייך אין א בעזונדערס שווערער צייט, אין א צייט, ווען אונזער לאגע ווערט וואס אמאל פינסטערער און פערצווייפעלטער.

אבער דווקא אין דער דאזיגער טראגישער צייט מוזען מיר זיין נאך שטארקער און פעראייניגטער ווען ס'האנדעלט זיך אין גורל פון אונזערע ברידער. דער לאנגער גלות האט אונז געוויזען, אז אין סכנה צייטען האבען מיר מיט נאך מעהר אייפער געראטעוועט אונזערע ארימע, האבען מיר מיט מעהר איבערגעגעבענהייט געהאלפען אונזערע ברידער זיי זאלען נישט צו-נויפגעבראכען ווערען.

מיר שטעהען איצט פאר דער קמחא-אקציע. הונדערטער יודישע משפחות ביי אונז אין שטאדט ווארטען אויף דער קהלה שטיצונג; פאר הונדערטער בכבוד'ע פאמיליעס וועט די שטיצע פון דער קהלה זיין דאס איינציגע מיטעל צו פערזארגען זיך אויף פסח מיט'ן נויטיגסטען.

אין פערגאנגענעם יאהר, כדי נישט צו פערטייערען דעם פרייז פון מצות האט די קהלה אבגעשאפט דעם מעהל-אבצאהל און אריינגעשטעלט דעם סכום אויף קמחא אין בודזשעט דורך פערגרעסערען דעם עטאט. אזוי אבער ווי דער בודזשעט איז נישט בעשטעטיגט געווארען, האבען די קהלה ארגאנען (ראט און פערוואלטונג) געפונען פאר נויטיג צונויפצושטעלען היי יאהר א ספעציעלען צוגאב-עטאט אין דער הויך פון 25 פראצענט פון עטאט אויפ'ן יאהר 1936, כדי אזוי ארום צו בעקומען א גרעסערע סומע אויף דער קמחא-אקציע, אבשאפענדיג איינצייטיג די גוטוויליגע געלד זאמלונגען, וואס זענען פארגעקומען אלע יאהרען.

היות אבער ווי דאס אדורכפיהרען די פארמאליטעטען, וואס זענען פערבונדען מיט'ן צונויפשטעלען דעם צוגאב-עטאט וועט דויערען א געוויסע צייט, ווענדעט זיך די קהלה צו אלע עטאט צאהלער איינצוצאהלען די 25 פראצענט פון עטאט אויפ'ן יאהר 1936 לטובת דער קמחא ווי אמשנעלסטען, כדי צו ערמעגליכען אדורכצופיהרען די אקציע בעצייטענס און ווי געהעריג. דאס נישט איינצאהלען אין דער צייט דעם צוגאב עטאט וועט שטערען די אקציע און גורם זיין איבריגע קאסטען ביי דער צוואנגס אויפמאנונג.

די ווידער, וואס פיגורירען נישט אויף דער עטאט ליסטע אדער זענען בעשטייערט געווארען אין יאהר 1936 נאר מיט 5 זל. און ווערען דעריבער אויפ'ן סמך פון א בעשלוס נישט אריינגענומען אין דער צוגאב ליסטע, ווערען גערופען צו ערפילען זייער חוב לויט זייערע מעגליכקייטען.

ברידער יודען!

אונזערע פינסטערע תקופה איז אונז נאך מעהר מחייב צו וואכזאמקייט אין בעצוג צו די אממייסטען ליידענדע. לאמיר דעריבער צוזאמען, אין דער איבערצייגונג פון אונזער גרויסער אחריות, ווייזען, אז דער גורל פון אונזערע הונגעריגע ברידער איז אונז קיינמאל נישט גלייכגילטיג; אז אונזערע הערצער זענען תמיד וואך אויף דעם הילפס-געשריי פון אונזערע אונגליקליכסטע — פון אונזערע נויט-ליידענדע ברידער. לאמיר ערפילען אונזער חוב בעצייטענס און געמיינזאם העלפען צום ערפאלג פון דער היי-יעהריגער קמחא-אקציע.

קהלה פערוואלטונג	קהלה ראט
פרעזעס: י. ראזענבערג	פרעזעס: י. ווערקסלער

טשענסטאכאוו, אדר ב' תרצ"ח.

Koleżance RENI MANDEL
z intencji zaręczyn z p. ABRAMEM LEWKOWICZEM
życzą dużo szczęścia i pomyślności
Ofnanówna, Rozenówna

א סך נחת ווינש איך מיין ג' שעף ה' **הירצקע מאנדעל** און פרוי צו די תנאים פון זייער ליבע טאכטער **רבקה** מיט **אברהם לעווקאוויטש** פון ראדאמסק, דעם יונגען פאר גליק און צופרידענהייט
ברוך הווישפיגעל און פרוי

התראה.

איך פאדער אויף מיין הויזווירט בצלאל גרינבוים, אלעע 40, אז ער זאל מיר אין משך פון דריי טעג אומקעהרען די סומע, וועלכע ער האט מיר אויף א בייזוויליגען אופן, אהן נוצען פאר עמיצען אויסגעבערענגט.

אין געגענפאל בין איך איהם מתרה, אז איך וועל איהם בעצאהלען מדה כנגד מדה.

יחיאל שניצער

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד און געוו. גבאי **אברהם שומאכער** און פאמיליע צוליעב'ן טויט פון זיין פרוי
שיינדל נ"ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים, קאמיטעט און מתפללים
פון דער שוהל „אהל יעקב" אלעע 4

ב"ע שיינדל פון דערהיים **זילבערמאן** אשת ר' **אברהם** נ"י **שומאכער**
געוו. הויז-בעזיצערין
איז געשטארבען נאך לאנגע און שווערע ליידען.
די לויה איז פארגעקומען נעכטען, דאנערשטאג, דעם 31-טען מערץ ד. י. (כ"ח אדר ב' תרצ"ח).
גלייכצייטיג דריקען מיר אויס א דאנק די אלע, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער לויה און אבגעגעבען אונזער טייערער נפטרת דעם לעצטען כבוד
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
מאן, קינדער און פאמיליע.

קמחא.

אַנ'אַלטע טראַדיציע ביי יודען צו געבען די נויטבעדערפטיגע ברידער די מעגליכקייט צו קאָנען אַנגרייטען אויף פסח-כל דכפין ייתא ויכל.

אויך אונזער טשענסטאכאווער קהלה איז נישט געווען קיין יוצא מן הכלל, אויך ביי אונז טיילט מען יעדעס יאהר שטיצע פאַר די אָרימע און הונגעריגע.

וואס א יאהר ווערט אָבער די יודישע לאַגע אַלץ טראַגישער, דער עקאָנאָמישער באַזיס—אַלץ שוואַכער און די נויט ווערט גרעסער, איבערהויפט צווישען די יודישע מאַסען.

עס איז געווען א מנהג מקדמונים, אז די קהלה האט גענומען אַנ'אָבצאָהל פון פסח'דיג מעהל, וואס איז געווען א צושטייער אויף קמחא. ס'האבען אויך דעלעגירטע פאַרלעך דורך דער קהלה בעזוכט די טשענסטאכאווער יודען און ביי זיי געזאַמעלט געלד אויף דעם צוועק. לעצטענס זענען צוליב געוויסע סיבות די דאָזיגע צוויי אופנים פון שאַפען די נויטיגע סומע אויף קמחא אָבגעשאַפט געוואָרען. דאס ערשטע כדי נישט צו פערטייערען די מצות, פאַר וועלכע דער אָרימאַן, וועלכער בעקומט קמחא, וועט מוזען טייערער בעצאָהלען פאַר די מצות, און דאס צווייטע—צוליב צוועקמעסיגקייט. אנשטאט דעם האט די קהלה-פערוואַלטונג געהעכערט דעם עטאט.

צוליב א רייהע סיבות איז דער בודזשעט נישט בעשטעטיגט געוואָרען, אזוי אז דער פּלאַן פון דער קהלה-פערוואַלטונג האט נישט געקאָנט רעאַליזירט ווערען. ערשט די לעצטע וואָך האט דער ראַט, לויט'ן פאָרשלאַג פון דער פערוואלטונג בעשטימט צו בעשטייערען די עטאט צאָהלער מיט 25 פּראָצענט לויט'ן עטאַט, וואס איז געווען אויפגעמאָסטען אויפ'ן 36 טען יאהר און דאס זאָל גהען אויף קמחא.

איצט האט די קהלה ארויסגעלאָזט אַנ'אויפרוף צו די עטאַט צאָהלער, אז זיי זאָלען איינצאהלען 25 פּראָצענט פון עטאַט, וואס זיי האבען געצאהלט אין 1936.

מיר האלטען, אז די יודען אין טשענסטאכאוו זענען גענוג רייף צו פערשטעהן, אז אויב זיי וועלען נישט זאָפאָרט איינצאהלען כאָטש די דאָזיגע סומעס, וועלען זיי גורם זיין, אז הונדערטער יודישע משפחות אין אונזער שטאדט זאָלען נישט האבען דאס נויטיגסטע אויף יום טוב. מיר זענען אָבער זיכער, אז אזא אחריות וועט קיינער נישט וועלען נעמען אויף זיך.

מען דאַרף אויך גדענקען, אז הייאהר, אין יאהר תרצ"ח, לעבען מיר אין גאַר בעזונדערע אויסערסט שווערע בעדינגונגען און אויב מיר וועלען נישט ארויסווייזען אונזער סאָלידאַריטעט אין דעם איצטיגען שווערען מאָמענט, וועט עס זיין א טרויעריגער צייגניש פאַר אונזער קיום, פאַר אונזער זעלבסט-דערהאַלטונג.

האלטען מיר דעריבער פאַר אונזער חוב מעורר צו זיין די טשענסטאכאווער יודען און זיי דערמאנען: היום קצר—די צייט איז קורץ, אויף דער שוועל פון דער קהלה בעווייזען זיך שוין די נויטבעדערפטיגטע, לאָזט זיי דעריבער נישט שמאַכטען פאַר הונגער און דעם גרויסען יום טוב פסח און איילט מיט שטיצע, וואס איז אַנ'אַלטע טראַדיציע ביי יודען און וועלכע רופט זיך מיט'ן טראַדיציאָנעלן וואָרט: קמחא.

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— די אָפּענזיווע פון די אויפשטענדער אויפ'ן אראַגאָנישען פראָנט דויערט. די אויפשטענדער רוקען זיך כסדר פאָראויס און זענען אויך אריינגעדרינגען קיין קאַטאַלאָניען. די לאַגע פון רעגירונגס-מיליטער איז זעהר א שווערע. די אַרמעע פון גענ. פראַנקאָ געפינט זיך סך הכל עטליכע צעהנדלינג קילאָמעטער פון די ים-ברעגעס.

— דער מלוכה פּרעזידענט האט נאָמינירט אַלס פּוילישען באָטשאַפטער אין קאָוונא דעם ביזיעצטיגען געזאַנדטען אין ריגא ה' פראַנצישעק כאַרוואַט. אַלס ליטווישער געזאַנדטער אין ווארשא איז דורך דעם ליטווישען פּרעזידענט בעשטימט געוואָרען ה' שקירפּאַ.

— פּרעזידענט רוזוועלט האט נאָמינירט א ספּעציעלע קאָמיסיע, וואס האט די אויפגאַבע אויסצואַרבייטען א פּלאַן פון בעקעמפען די פאַשיסטישע און נאַצי-פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט לעצטענס געפיהרט מיט דער הילף פון ראַדיאָ, בעזונדערס אין די צענטראַל- און דרום-אַמעריקאַנער לענדער.

— די עקזעקוטיווע פון יודישען וועלט-קאָנגרעס האט זיך געווענדעט צום ראַט פון פעלקער-בונד מיט א פּעטיציע וועגען דער לאַגע פון די יודען אין עסטרייך.

— די פּאָליציי פעררופט זיך אויף די ענטשפּרעכענדע פאַראָנדנונגען פון סען-זשערמענער אָבמאַך, וועלכע גאַראַנטירען גלייכע בירגערליכע רעכט פאַר אַלע בירגער אין עסטרייך אָהן אונטערשיד פון ראַסע, שפּראַך און רעליגיע.

— דער ליטווישער פּרעזידענט סמעטאָנאַ האט אָנגענומען די דעמיסיע פון דער רעגירונג פון פּרעמיער טוראַליס און בעשטימט א נייע רעגירונג. אַלס פּרעמיער איז בעשטימט געוואָרען גלח מיראַנאַס, אַלס אויסערן מיניסטער—לאָזאָראַיטיס, וועלכער האט ביז יעצט אויך פערנומען דעם זעלבען אַמט.

— די ידיעה, וועלכע די פּוילישע טעלעגראַפען אַגענטור האט פונאַנדערגעשיקט וועגען שחיטה-פערבאָט אין רומעניען האט זיך ארויסגעוויזען אלס נישט קיין ריכטיגע, לויט דער ערקלערונג פון רומענישען אַגראַר-מיניסטער איז די פראַגע וועגען פערבאָטען די יודישע שחיטה בכלל נישט אַקטועל.

— אויף דער לעצטער פּאַרלאַמענטזיצונג האט פּרעמיער טשעמבערלען געהאַלטען א גרויסע רעדע און וועלכער ער האט אָנגעצייכענט די ריכטליניען פון דער ענגלישער אויסערן-פּאָליטיק. אין דער שפּאַנישער פראַגע האט זיך דער פּרעמיער ארויסגעזאָגט פאַר ווייטער איינהאַלטען די נישט-אינטערווענץ פּאָליטיק. אין ענין טשעכען קאָן ענגלאַנד נישט געבען קיין שום גאַראַנטיעס פון מיליטערישער הילף אָבער עס קאָן געשעהען דער פאַל, אז ענגלאַנד וועט אויטאָמאַטיש אריינגעצויגען ווערען אין א מלחמה ווען עס זאָל קומען צו א דייטשען איבערפאַל אויף טשעכען.

— דער בעריהמטער יודישער פּראָפעסאָר נוימאַן און באַראָן לואיס ראָטשילד, וועלכע האבען זיך געפינען אין אַרעסט אין ווין זענען איצט בעפרייט געוואָרען.

— אויף דער לעצטער סיים-זיצונג איז אָנגענומען געוואָרען דער געזעץ-פּראָיעקט וועגען פערבאָטען די יודישע שחיטה. צוליב דעם, וואס אויף דער לעצטער סענאַט זיצונג פון דער יעצטיגער סעסיע איז דער פּראָיעקט נישט בעטראַכט געוואָרען, ווערט ממילא דער גאנצער ענין דערווייל בטל און וועט מוזען עווענטועל בעטראַכט ווערען נאָך אַמאָל דורכ'ן סיים אויף א צווייטער סעסיע.

— דער סיים און סענאַט האבען אָנגענומען דאס געזעץ וועגען צונעמען די בירגערשאַפט ביי די פּוילישע בירגער, וועלכע געפינען זיך אין אויסלאַנד. לויט דעם געזעץ קאָן מען צונעמען די בירגערשאַפט ביי פּערזאָנען וואס וואוינען אין אויסלאַנד מעהר ווי 5 יאהר און האבען פערלוירען די פערבינדונג מיט פּוילען אָדער ביי פּערזאָנען, וועלכע האבען געפיהרט אין אויסלאַנד א טעטיגקייט צום שאָדען פון דער פּוילישער מלוכה. אַלע אויסבעסערונגען פון די יודישע דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען זענען אָבגעוואָרפען געוואָרען.

— דאס פראַנצויזישע איגערן מיניסטעריום האט אָפיציעל מיטגעטיילט, אז די פראַנצויזישע רעגירונג איז גרייט צו ערלויבען די יודישע אימיגראַנטען פון צענטראַל-און מזרח אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע געפינען זיך אונלעגאַל אין פראַנקרייך, זיך צו בעזעצען אויפ'ן לאַנד אנשטאט דעפּאָרטירט צו ווערען. די צאהל יודען, וועלכע האבען נישט וואוינרעכט ווערט אָבגעשאַצט אויף 8 טויזענד.

— אין העכסטען געריכט אין ווארשא איז פאָרגעקומען דער קאַסאַציע-פּראָצעס פון יוסף פענדראַק. דאס העכסטע געריכט האט אָבגעוואָרפען די קאַסאַציע-אַנקלאָגעס סיי פון פּראָקוראָר סיי פון די פערטיידיגער. אזוי ארום איז דער אורטייל פון 13 יאהר תפיסה פאַר פענדראַק'ן ענדגילטיג אריין אין קראַפט.

ELEGANCKI PAN
dba o dobry krój ubrania

Pierwszorzędny Paryski
Zakład Krawiecki
„TRÈS-CHIC"
M. ROZENBLUM
N. Marii Panny 33. Tel. 11-87
poleca na sezon wiosenno-letni swoją pierwszorzędną robotę oraz materiały krajowe i angielskie najnowszych deseni. Modele najnowszych domów paryskich i angielskich.

שוויג, ישראל!...

קליינער פעליעטאָן

גלייך ווי דער ראַדיאָ האט אָנגעזאָגט די בשורה וועגען די דריי אַנטי-יודישע געזעצען, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרען פּרייסאַג אין סיים האט מיר מיין שכן ישראל יודעל געמאַכט א בעזוך און אנשטאט א גוטען שבת, האט ער אויסגעשריגען: שוויג ישראל!

איך האב איהם אָנגעקוקט און נישט פערשטאַנען, וואס דאס זאָל בעדייטען. קוק איך אזוי אויף איהם און פרעג. מעהר מיט די אויגען, ווי מיט'ן מויל. מיין שכן האט פערשטאַנען די פראַגע און מיר באַלד געענטפערט: יאָ, אַזוי איז עס, יודען קאָנען איצט נאָר איין זאַך טהון — שווייגען, צודריקען די ליפּען ביז בלוט און שווייגען. און אָט מיט דעם שווייגען זאָלען זיי אויסדריקען זייער פלאַמיגען פּראָטעסט געגען די יעניגע, וועלכע האבען געשטעלט אַלס זייער לעבענס ציעל אונז צו דערנידריגען און אונז צו מאַכען צו שאַנד און צו שפּאָט.

— וואס הייסט — בין איך נישט מספים — דעפּוטאַט מינצבערג האט דאָך גאָר אויסגעשריגען אין סיים: שריי ישראל! און דאס איז משמע, אז אזוי ווי מען פייניגט אונז פון אַלע זייטען און טאג טעגליך מראַכט מען אויס ספּעציעל פאַר אונז בעליידיגונגען, דאַרף מען שרייען און דווקא הויך שרייען, אזוי אז די וועלט זאָל אויפציטערען.

— איך בין נישט מסכים מיט אייך און אויך נישט מיט'ן דעפּוטאַט מינצבערג — ענטפערט מיר מיין שכן. אוודאי דאַרף מען אויסדריקען די גרעסטע אנערקענונג פאַר דער מוטיגער האַלטונג פון אונזערע דעפּוטאַטען, צווישען זיי אויך דעם דעפּוטאַט מינצבערג, וועלכע שטעהען אויף דער וואַך פון אונזערע יודישע אינטערעסען, און מיט אַלע זייערע כחות און מיט'ן בלוט פון זייער הארצען קעמפען זיי אויף דער פאָדערשטער ליניע פון אונזער אָביועהר-פראָנט. אָבער מיט'ן אויסגעשריי פון דעפּוטאַט מינצבערג „שריי ישראל" בין איך פאָרט נישט מסכים און איך האַלט זיך ביי ס'מייניגע — זאָגט ווייטער ישראל יודעל — אז מען דאַרף זיך בענוצען מיט'ן לאָזונג: שוויג ישראל!

— שווייגען איז דאָך אוודאי נישט קיין פּלאַן — שריי איך אויס מיט כעס, וואס הייסט דאָס שווייגען? צי ווייסט איהר נישט די גמרא, אז שתיקה כהודאה דמיא, אז מיר וועלען שווייגען אויף די אַלע גזירות רעות, וועט דאָך הייסען, אז מיר זענען מסכים צו זיי. נו, נו, וועלען זיך דאָך אָנהויבען די אמתע פּעולות אויף אונז, ווען מיר וועלען שווייגען — זאָג איך ווייטער — וועט מען דאָך אונז צוקוועטשען אין א שטיל ווינקעל אזוי, אז קיין האָן וועט נישט קיין קרעה געבען, ווען מיר וועלען אָבער הויך שרייען, וועט מען דאָך דערהערען און די פייניגער וועלען אויף א מינוט אָבלאָזען דעם קרבן אזוי אז מיר וועלען קאָנען פריי אָבאָטעמען.

— ניין! ניין! ניין! — קלאַפּט אין טיש אריין מיין שכן. דאס שרייען איז היינט נישט אקטועל, אפשר אַמאָל האט דער קול יעקב געהאַט א בעדייטונג און מען האט זיך מיט איהם גערעכענט, היינט אָבער, וואָס מעהר מען שרייט, אַלץ ערגער איז. און כדי איהר זאָלט נישט מיינען — זאָגט ווייטער מיין שכן, אז איך רעד גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין, וועל איך אייך עס בעווייזען מיט פאַקטען.

נעמט, למשל, — גיט מיר צו פערשטעהן מיין שכן — די מעשה היטלער. לכתחילה, ווען דער דאָזיגער דיקטאָטאָר האט „בעגליקט" דאָס דייטשע פאָלק מיט זיין ממשלה, אויסגעוויקט דורך יודישע טרעהרען און בלוט, האָבען מיר אָנגעהויבען צו שרייען. און נישט בלויז דאס וועלט-יודענטום האָט געשריגען, נאָר אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטען פון דער וועלט האבען אויפגעהויבען א ליאַרם, מען האט איינגעאָרדענט הונדערטער פּראָטעסט-מיטינגען, אָנגעפיהרט א באָיקאָט אַקציע און וואס איז פון דעם געוואָרען, גאָרנישט מיט גאָרנישט. עס זענען שפּעטער נאָכגעקומען נירענבערגער געזעצען און אנדערע גזירות און צרות און גאָר צום סוף איז געקומען די מעשה עסטרייך, וואו מען בעפרייט דאָס פאָלק אין א ים יודיש בלוט.

איבריגענס — שרייט אויס ישראל יודעל — דאַרפען מיר זיך נעמען א ביישפּיעל פון די גרויסע מלוכות. אין אָנהויב, ווען היטלער האט אָנגעהויבען צו פיהרען זיין פערדראָבונגס-אַרבייט, האבען זיי אויך געשריגען, געמאַכט געוואַלדען, אז ער פערלעצט די טראַקטאַטען. איצט אָבער, ווען היטלער מאַכט איין מיאוסע מעשה נאָך דער אנדערער שווייגען זיי שוין, זיי שרייען נישט מעהר, כ'ווייס נישט די פּאָליטיק זאָל מען זאָגען פון אזא ענגלאַנד, וועלכע האט אָנגענומען א טאַקטיק פון שווייגען, נאָר ס'קאָן זיין אָבער, אז אין דעם ליגט בעהאַלטען עפּיס א דיפּלאָמאַטיש שפּיצעל. נו, אויב ענגלאַנד שווייגט, דאַרפען מיר זיך אויך אויסלערנען שווייגען.

— צי זענט איהר משוגע צי חסר-דעה? — פאַל איך אָן אויף מיין שכן — וואס פערגלייכט איהר עפּיס אונז צו ענגלאַנד? דער בריטישער לייב, דער קאַלטער ענגלענדער, קאָן זיך פערגינען צו שווייגען, ווייל אויב עס וועט קומען א צייט און ער וועט אָנהויבען רעדען דיבורים, וועט עס זיין מיט פייער פון די שווערע האַרמאַטען. מיר אָבער, דאָס שוואַכע פאָלק ישראל, וואס אין כוחו אלא בפיו, קאָנען זיך נישט דערלויבען צו שווייגען, ווען מען שניידט פון אונז פּאַסען לעבעדיגערהייט.

— פונדעסטוועגען מוזען מיר שווייגען — האַלט זיך ביי ס'זייניגע ישראל יודעל — און דאס דערפאַר, ווייל, ערשטענס, איז אזוי ווי כ'האָב אייך געזאָגט, העלפט נישט אונזער שרייען און והשגית, קוקען נאָר ארויס אונזערע שונאים, אז מיר זאָלען שרייען, ווארום וואס מעהר מיר שרייען, אַלץ מעהר פערשאַפט עס זיי א הנאה און דאס שטויסט זיי אונז אָנצוטהון גרעסערע יסורים. זיי, אונזערע היינטיגע דעפּוטאַטען, איך זאָג „אונזערע", ווייל א סך פון די צוררי-היהודים דעפּוטאַטען זענען דאָך אריין אין סיים מיט יודישע שטימען, האבען א סאַדיסטישע הנאה צו זעהען ווי מיר קורטשען זיך אין יסורים און קרעכצען פאַר ווערטאָג. איבריגענס, זאָגען זיי דאס אליין. וואס, עס טהוט אייך וועה — רופט אויס אזא העלד צו די יודישע דעפּוטאַטען — אויב אזוי האבען מיר א הנאה.

לאָמיר נעמען כסדר—זאָגט ווייטער מיין שכן—ווען יעצטיגען סיים האבען די „פאָלקס פערטרעטער" אָנגעהויבען צו שיטען מיט גזירות אויף יודען, ווי דאס איז געווען מיט דער שחיטה-גזירה, א לאָ פריסטאָראַוואַ, וועגען פערפּוילישען די שטעדט, די נייע אדוואָקאַטען אָרדנונג, וועגען די געטאָבענק אויף די הויכשולען אז"וו אז"וו, האט מען אָנגעהויבען שרייען, און דאס איז זיי אזוי געפעלען געוואָרען, אָט די היינטיגע רעדעל-פיהרער פון סיים, אז זיי האבען אין איין פרייטאָג'דיגען טאָג אזש אריינגעטראָגען דריי פּראָיעקטען, וואס זענען געווענדעט הויפּטזעכליך געגען יודען. ווי דאס איז 1) אינגאַנצען צו פערבאָטען די יודישע שחיטה; 2) צונעמען דאס בירגער-רעכט פון א טייל פּוילישע בירגער (לייען יודען), וועלכע וואוינען אין אויסלאַנד, און 3) נישט מאָרען מאַכען קיין ראָזינקעס-ווייַן.

ווען אונזערע יודישע דעפּוטאַטען האבען אָנגעהויבען מרעיש עולם זיין — זאָגט ווייטער מיין שכן — און אויפגעוויזען, אז מיט'ן שחיטה פערבאָט פערלעצט מען דאס רעליגיעזע געוויסען פון דעם יודישען קבוץ אין פּוילען, האבען עטליכע דעפּוטאַטען זיך אויסגעלאַכט, און ווען דעפּ. מינצבערג האט אויסגעשריגען ווען און קלאָג ישראל, האבען זיך די האַפּעס און דוזשינסקי'ס צולאַכט און דודזשינסקי האט אָפען און ציניש ערקלערט, אז אויב איהר וועט אונז שטערען, וועלען מיר אייך צוקוועטשען...

כ'ווייס נישט אויף זיכער — ברומט מיין שכן און זיין קול ציטערט — צי זיי מיינען באמת מיט דער גזירה פון שחיטה פערבאָט, ווייל סוף כל סוף וועט דער שחיטה-פערבאָט ברענגען שאָדען פּוילען'ס פינאַנסען, איז נאָך טאַקי א ספק צי זיי וועלען עס איבערהויפּט אריינטראָגען אין סענאַט אריין. ס'קאָן זיין, אז מ'ס'ן אָנגענומען דעם שחיטה-פערבאָט, זענען זיי נאָר אויסען-געווען אונז מאָראַליש צו בעליידיגען. טאָ צו וואס טויג דאס שרייען, אז העלפען העלפט עס סיי ווי סיי נישט, פערקעהרט, דאָס גיט נאָך צו מוט, אז די צוררי היהודים זאָלען אויסטראַכטען נייע בעליידיגונגען און ווידער פערשאַפען הנאה אונזערע שונאים, וועלכע ווילען זיך פון אונזער פיין, זענען מיר נישט מחויב.

איז דעריבער מיין מיינונג — געזעגענט זיך מיט מיר מיין שכן און ווישט אָב בגנבה א טרער פון זיינע אויגען— אז מיר זאָלען שווייגען, שווייגען מיט א טויט שטילקייט, אזוי, אז קיין קרעכץ זאָל נישט דערהערט ווערען. אָט אין דעם שווייגען וועט ליגען אונזער כח, זאָלען די שונאים זעהען, אז זיי וועלען אונז מיט זייערע גזירות נישט אָבשרעקען. ישראל סבא האט בטחון, אז נישט אייביג וועט זיין נאַכט. מיר האָבען געדולד, מיר וועלען אויסהאַלטען, אמת, עס איז שווער, זעהר שווער איבערצוטראָגען, מיר וועלען עס אָבער דאָך איבערטראָגען.

שטיל זאָל זיין, קרעכצט נישט! מעגען די יסורים זיין נישט איבערצוטראָגען, מוזען מיר אָבער ווי העלדען, ווי אַלטע אויסגעפּרובטע גבורי-ישראל, ליידען און דולדען.

אונזער לאָזונג דאַרף דעריבער זיין נישט שריי ישראל, נאָר שוויג ישראל...

סמאַל

מיר האָבען געמיינט...

פון ד"ר א. מוקדוני

שוין א האלבע וועלט כמעט שטעהט געאייניגט נעגען אונז און וויל אונז פערטיליגען.

א האַלבע וועלט געגען א הייפעלע יודען.

הונדערטער מיליאָנען נעגען וועלכע 4–5 מיליאָנען יודען.

און פון וואַנען וועט קומען אונזער הילף?

די פיינד זענען בייזע, די פיינד זענען ווי צוקענדע חיות, די פיינד האבען זיך שוין אריינגעלעגט אין אונז.

און די פריינד אונזערע די גע-צעהלטע פריינד רעדען, רעדען וויך, רעדען איידעל, רעדען שטיל און זעהר פריינדליך צום שונא אונזערען.

און פון וואַנען וועט קומען אונזער הילף.

מיליאָנען יודען האט מען שוין דער-פיהרט צו בעטעל-ברויט, צו פער-צווייפלונג און צו פולער פערניכטונג.

חורבן און יאוש אין פוילען, חורבן און יאוש אין דייטשלאנד. חורבן און יאוש אין רומעניען, חורבן און יאוש אין צעהנדליגער אנדערע קלענערע לענדער.

און שוואַך זענען מיר. די הייפעלעך יודען, אין די עטליכע פרייע לענדער וואו מען לאָזט אונז פריי אָטעמען און לעבען ווי פרייע מענשען.

שוואַך זענען מיר, נאָר פראָטעסטי-רען קענען מיר, פראָטעסטירען צו א טויבער, צו א ציניזשער און צו א פיינדליכער וועלט.

און וואס וועט זיין מיט אונז. מיט אונזערע ברידער?

שרעקליך איז די אומבעהאָלפענקייט, שוידערליך איז די אויסזיכטסלאָזיגקייט, גרויליג איז די האָפנונגסלאָזיגקייט.

און א פינסטערער יאוש כאפט דיך ארום — כלו כל הקיצין!

אָבער אָט לויפט דורך א געדאַנק אין דיין מוח:

אייגענטליך איז עס דאָך אַן אַלטע געשיכטע, זי דויערט שוין א קימא לן פון וועלכע צוויי טויזענד יאהר. צוויי טויזענד יאהר וויל מען אונז פערלענ-דען, צוויי טויזענד יאהר וויל מען אונז פערטיליגען.

עס האט זיך אייגענטליך גאַרנישט געענדערט.

שוין צוויי טויזענד יאָהר אזוי.

אָבער היינט איז אונז עפּיס מאָדנע אונהיימליכער.

היינט איז אונזער שרעק א גרע-סערע.

היינט איז די סכנה א מורא'דיגערע.

אונזערע זיידעס און עלטער-זיידעס האבען גאָרנישט דערוואַרט פון דער וועלט, אונזערע זיידעס און עלטער-זיידעס האבען קיין האָפנונגען אויף דער איידעלקייט, שענקייט, עהרליכקייט און פיינקייט פון דער וועלט נישט געלעגט.

זיי האבען געוואָלט זיין יודען, זיי האבען זיך געגרויסט מיט דעם וואס זיי זענען יודען, און האבען געוואוסט אז דאס מוז קאָסטען טייער.

און ווען מען וואגט דאַרף מען זיין גרייט אויף אַלץ.

און מען איז געווען גרייט אויף אַלץ, אויף גירושים, אויף שחיטות, אויף הריגות און אויף קידוש-השם.

זיי האבען גוט געקענט, אויסגע-בונדען געקענט די וועלט, זיי האבען געשפּרייזט איבער דער וועלט, גע-שפּרייזט און בעקענט זיך מיט איהר.

זיי האבען געקענענט די וועלט און פון איהר גאָרנישט ערוואַרט.

קלאָר זענען געווען די בעציהונגען, קלאָר.

גענייטע. אויסגעפּרובטע און ער-פאַהרענע, האבען זיי קלאָר געפיהרט זייער בוכהאַלטעריע מיט דער וועלט.

און א חוץ דעם אַלעמען האבען אונזערע זיידעס און עלטער-זיידעס געהאט א גלויבען. ד. ה. זיי האבען געוואוסט פאַרוואָס זיי זענען אין קאָנ פליקט מיט דער וועלט און פאַרוואָט זיי מוזען ליידען.

זיי האבען געוואוסט, אז זיי מוזען אדורכטראָגען זייער אמונה צו די קומענדיגע דורות דורך דעם פייער פון אויטאָ-דע-פע, דורך גירושים, הריגות און שחיטות.

און קלוג זענען זיי געווען: זיי הא-בען אין זייער אויסערליכער געפּאַ-לענקייט אויסגעקולטיווירט אַן אינער-ליכען בעהאַלטענעם שטאָלץ.

אויסערליך אונטערטעניג ווי א קנעכט, אָבער אינערליך שטאָלץ ווי א פרינץ; אויסערליך געבויגען, אָבער אינערליך מוטיג ווי א לייב; אויסער-ליך אומבעהאָלפען, אָבער אינערליך בריה'ש.

און נעפּאַנצערט מיט ערפאַהרונג מיט קלוגשאַפט און מיט עקשנות האבען אונזערע זיידעס און עלטער-זיידעס דורכגעשלאָגען זייער וועג צווישען וועלף און שלאַנגען.

אָבער מיט אונז האט פּאַסירט ממש עפּעס גאָר קינדישעס. מיר, די קינדער פון אַן אַלטען, אויסגעפּרובירטען פאָלק האבען זיך געלאָזט אָבנאַרען און פער-פיה'ען פון גלעזערנע פּאַטשערקעס.

מיר האבען אָט די גלעזערנע פּאַ-טשערקעס אָנגענומען פאַר עכטע פאַר אמת'ע דימענטען.

די וועלט האט מיט וועלכע 150 יאהר צוריק עפּעס א שמייכעל געטהון צו אונז, בלויז א שמייכעל געטהון.

עפּעס איז אויף איהר אָנגעקומען א גוטע מינוט און זי האט זיך צורעדט וועגען גלייכהייט, ברידערליכקייט און מענשליכקייט.

זי האט זיך צורעדט און אויף א רגע טאַקע געגלויבט, אז א קאָפּעטש-קע יושר וואָלט גאָר נישט געשאָדט דער וועלט.

זי האט זיך צורעדט און טאַקע אונ-טערגעוואָרפען אונז און די זייעריגע אַביסעלע פרייהייט, א שטיקעלע דעה און אנדערע אַזעלכע שטיקלעך און ברעקלעך.

אָט ווי איינער בעקומט אַן אָנפאַל פון גוטסקייט אויף א רגע, אַן אָנפאַל פון חרטה אויף א מינוט.

מיר אָבער האבען געמיינט, אז דאס איז דער קץ, דאס איז אונזער גרויסע ערלייזונג, דאס איז אונזער גאולה.

א סוף איז געקומען צו דעם צוויי טויזענד-יאהריגען גלות.

די וועלט איז געוואָרען קלוג, פיין, עהרליך און שעהן.

די וועלט האט זיך פערבענקט נאָך ברידערליכקייט. נאָך פרייהייט און נאָך מענשליכקייט.

גענוג געשאָכטען, גענוג געמאָרדעט, גענוג געפייניגט, גענוג געמאַטערט יודען. עס איז צייט תשובה צו טהון.

מיר האבען געמיינט...

מיר זענען געווען אפילו זיכער אין דעם אַלץ.

און מיר זענען צוגעפאַלען מיט ברען, מיט ליבע און מיט מורא'דיגער איבערגעבענקייט צו דער שעהן און פרייגעוואָרענער וועלט.

מיר האבען געטהון און ערקלערט זיך איהר אין ליבע. אין געטרייהייט און אין גרענציצלאָזער איבערגעבענקייט.

מיר האבען געטהון און געזונגען איהר שירה.

מיר האבען ארויסגעוואָרפען אונזער אייגענעם בעהאלטענעם שטאָלץ און געבאָרגט א פרעמדען שטיקעל שטאָלץ, מיר האבען פעטריבען אונזער בע-האלטענעם אינערליכען מוט און גע-באָרגט א פיצעל פרעמדען מוט.

אז מיר זענען גלייך, אז מיר זענען ברידער מיט אַלע מענשען אויף גאָטס וועלט.

צו וואס טראָגען ווי א קאָרגער א בעהאלטענעם שטאָלץ? צו וואָס?

און מיר האבען זיך א'ויגעגעוואָר-פען מיט אונזער אַלטען ברען אויף דער גרויסער, רייכער קולטור פון דער וועלט מיט א גע'ואַלדיגען אפעטיט.

עס האט נישט גענומען לאַנג און מיר זענען געוואָרען די זעלביגע גרוי-סע קולטור-מענשען ווי די פרעמדע.

מיר זענען געוואָרען זייערע שריי-בער. זייערע וויסענשאַפטס מענשען, זייערע פּאָליטיקער, זייערע כלל-טהוער. זייערע שפּראַכען-קענער.

מיר האבען געשאָרפט, געשאָרפט די קעפּ אונזערע אויפ'ן תלמוד און אונז איז געווען זעהר לייכט צו איינבייסען די פרעמדע תורות מיט אונזערע אָנ-געשאָרפטע ציין אויף שווערע סוגיות, אויף תוספות און מהרש"א.

ממש אין א היסטאָרישען הרף-עין זענען מיר געוואָרען וועלט-מענשען.

אזוי ווי גאָר קיינמאָל נישט געווען קיין געיאָגטע, געפּלאָגטע. אזוי ווי קיינמאָל נישט געברענט געוואָרען אויף שייטער-הויפענס. אזוי ווי קיינ-מאָל נישט ארויסגעטריבען געוואָרען פון לענדער און אזוי ווי קיינמאָל נישט אויסגעטאָכטען געוואָרען צוליב טאָמע וויסטע און די טאָמע נאַרישסטע בלבולים.

אין דער בעראוישטער של שמחה פון זיין זייט איז געקומען אין אונז א שנעל געטהון אין דער נאָז און מיר האבען פערגעסען אונזער לאַנגען, לאַנגען נעכטען, אונזער פינסטערען נעכטען, אונזער יאָמערדיגען נעכטען, אונזער נעכטען פול מיט שחיטות און גירושים, אונזער נעכטען פול מיט הריגות און פּאָגראָמען.

די וועלט האט צו אונז א שמייכעל געטהון.

בלויז א שמייכעל געטהון...

און אָט האט זיך אָבגעטהון דער שמייכעל פון דער וועלט'ס פּנים.

די וועלט איז ווידער געוואָרען פינסטער, פינסטער ווי אין די אַלטע, ווייטע צייטען.

און זי האט פערגעסען, אינגאנצען פערגעסען איהרע בלאָפערייען וועגען ברידערליכקייט, פרייהייט און מענ-שליכקייט.

פערגעסען.

די וועלט האט בעקומען איהר אַמאָליג פינסטער און גרויליג פּנים.

און ווי עס ווערט פינסטערליך אויף דער וועלט זענען מיר די ערשטע קרבנות. זענען מיר די ערשטע אויפ'ן פייער.

און עס האט טאַקע אָנגעהויבען צו האָגלען אויף אונז מיט פּאָגראָמען, מיט שחיטות, מיט גירושים און מיט

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אויף דער מאַלאַ גאַס...

די לעצטע יאהרען בין איך אויף דער מאַלאַ גאַס נישט געווען. כ'וועל זיך נישט שעמען פאַר אייך און מודה זיין, אז כ'האָב פשוט געציטערט פאַר מיין נפש זיך צו לאָזען אין אַזעלכע מרחקים און מאכען הפקר די מתנה, וואס גאָט גיט יעדען לעבעדיגען בע-שעפעניש, האט זיך אָבער איינער, אַן'ארבייטסלאָזער, אָנגעזעצט אויף מיין לעבען, אז איך מוז אינטערווע-נירען פאַר איהם אין א יודישער פאַב-ריק, וועלכע געפינט זיך אויף דער מאַלאַ גאַס, באשר מען זוכט דאָרט יודישע ארבייטער מיט ליכט, און אזוי ווי איך וועל זיך נאָר דאָרט בעווייזען, וועט מען איהם צונעמען צו דער אר-בייט און ער ווערט שוין געהאָלפען.

דעם אמת זאגענדיג, האט זיך מיר נישט געגלוסט צו געהן מיט דער דא-זיגער אינטערווענץ, גאָר פשוט דער-פאַר, ווייל, ראשית, האָב איך נישט געגלויבט, אז אין דער דאָזיגער יודי-שער פאַבריק, וועלכע געפינט זיך אויף דער מאַלאַ גאַס, זאָל מען אזוי שטאַרק חלש'ן נאָך יודישע ארבייטער, והשנית, האָב איך מורא געהאַט, ווי כ'האָב שוין אויבען דערמאָנט, זיך איינצושטע-לען מיין בידנע נפש. האָב איך פרו-בירט צו מאכען די אינטערווענץ דורכ'ן טעלעפאָן, נאָר קלינג היינט, קלינג מאָרגען, אַז מען ענטפערט דיר נישט' האב איך די אינטערווענץ אָבגעלעגט פון טאָג צו טאָג, טראַכטענדיג, טאָמער וועט דעם אַרבייטסלאָזען דאָך מיאוס ווערען צו קריכען צו מיר. כ'האָב אָבער א טעות געהאט, דער אַרבייטס-לאָזער האט מיך בעזוכט דריי מאָל אין טאָג און איין מאָל, ווען איך האב בעמערקט ביי איהם טרעהרען אין די אויגען, ☞וועלכע האבען אַזוי ווי גע-שריגען צו מיר, אַז איך בין זיין מלאך המות, אַז צוליעב מיין פערנאַכלעסי-גונג וועט ער אויסגעהן פון הונגער, אין דער צייט, ווען דאָרט אין דער פאַבריק שטעהט מען און מען וואַרט אויף איהם, האב איך בעשלאָסען: יעבור עלי מה — זאָל זיין וואס עס וויל און ויצא — איך האָב געהויבען די פיס אויף דער פלייצע און אוועק אויף דער מאַ-לאַ גאַס.

כ'געדענק מיט א פאָר יאהר צוריק האבען זיך אויף דער מאַלאַ גאַס גע-פינען עטליכע יודישע געוועלבלעך, היינט זענען זיי אַלע פערמאכט; בלויז די געמאָלעוועטע שילדען דערמאָנען, אז דאָ האבען אַמאָל געוואוינט יודען. דאַנעבען איז דאָ צוגעקומען א גאַנצע רייהע קריסטליכע געוועלבער. איך קוק אריין אין זיי און בעגעגען זיך מיט בייזע בליקען; איך כאַפּ אוועק די אויגען און עפען אויף די אויערען, וועלכע הערען א ניגון פון א הויף אַרויס. דאס זינגט א קליין קריסטליך יונגעל א בעקאַנט ליעדעל, וואס זינגט זיך אזוי: „זשידאָויסקא שוויניע, מיעש-קאַיאָן וו' פּאַלעסטיניע". איך קוק אריין אין א צווייטען הויף, זעה איך, אז דאָרט שפּיעלען זיך קינדער אין א ראָד און זינגען לידלעך פון דעם דאָ-זיגען מין, דערביי שטעהט א פאָטער און האַקט האָלץ א מוטער שיילט קאַרטאָפעל און מען זעהט גאָר נישט, אז די עלטערען וואָלען האבען עגמת נפש פון די דאָזיגע לידלעך. פער-קעהרט, אויף זייערע פּנימ'ער שיינט אַ שמייכעל פון צופרידענהייט, וואס די קינדער שפּיעלען זיך און קאָנען זינגען אַזעלכע שעהנע אַקטועלע ליד-לעך.

איך געה ווייטער, זוך די פאַבריק און האָב מורא עמיצען צו פרעגען, וואו זי געפינט זיך. ענדליך דערזעה איך ווי אַ יוד לויפט אדורך די גאַס ווי אַ שאָטען. איך שטעל איהם אָב און וויל איהם פרעגען וואו די פאַבריק איז. לכתחילה האט ער זיך פאַר מיר דערשראָקען און געוואָלט ענטלויפען, נאָר דערהערענדיג מיין יודיש רעדען האָט ער זיך בערוהיגט און מיר אָנ-געוויזען דאס אָרט פון דער פאַבריק, וואוהין איך בין טאַקי בשלום אָנגעקו-מען.

אויפ'ן טויער פון דער פאַבריק האָב איך געפונען אַ מעלדונג פון דער די-רעקציע, אַז קיין שום אַרבייטער ווע-רען נישט צוגענומען. זעהענדיג דאס „שיר המעלות'ל", האָב איך באַלד גע-וואָלט צוריק אַוועק, נאָר כ'האָב זיך בעטראַכט: אויב איך האָב שוין אדורכ-געמאַכט אַזאַ שרעקענס וועג, וועל איך שוין אַ כאַפּ טהון אַ שמועס מיט'ן די-רעקטאָר. אַזוי לייכט איז עס מיר אָבער נישט אָנגעקומען. אַ לענגערע צייט האָב איך געמוזט שטעהן פאַר'ן טויער — אפילו אין קאָרידאָר לאָזט מען נישט אַריין — ביז דער דירעקטאָר האט ענד-ליך בעוויליגט מיך אויפצונעמען, כאָטש איך האָב נישט אָנגעמאָלדען וועגען וואס כ'בין געקומען.

דער רעזולטאַט פון מיין אינטער-ווענץ איז אייך נישט אינטערעסאַנט. איהר פערשטעהט דאָך, אַז דער די-רעקטאָר האט מיר געגעבען צו פער-שטעהן, דאס פונקט איצט נעמען זיי נישט צו קיין אַרבייטער און אַז ווען שוין יאָ, ווייס איך דאָך גוט, אַז עס איז שווער צוצונעמען יודישע אַרביי-טער, באשר מען קוקט קרום דערויף און אַז דאס יענץ. הקיצור, ער האט מיר צוגעזאָגט דעם אַרבייטער צוצו-נעמען אָט זאָגאר פערשרייבען אין זיין פּריוואַט נאָטיץ-ביכעל דעם נאָמען און אדרעס פון אַרבייטסלאָזען און מיט דעם האט עס זיך געענדיגט...

צי דער אַרבייטער וועט געהאָלפען ווערען פון מיין אינטערווענץ, איז נאָך אַ גרויסער ספק, נאָר אַז אין דער מאַ-לאַ גאַס איז אין משך פון די לעצטע יאָהרען פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדע-רונג, איז אַ פאַקט.

נישט בלויז ביי מענשען איז פאָר-געקומען אַן ענדערונג בנוגע זייער אָרט דענקען און מעשים, נאָר אויך אַפילו מיט גאַסען איז געשעהן אַן ענדערונג, ווי למשל מיט דער מאַלאַ גאַס...

זי האָט זיך באמת פערדינט א גאָלדענע אויסצייכנונג.

צווישען אַ רייהע געזעלשאַפטליכע עסקנים, וועלכע זענען יענע וואָך בע-שאָנקען געוואָרען מיט גאָלדענע פער-דינסט-קרייצען פאַר זייער געזעלשאַפט-ליכער אַרבייט, איז אויך פערהאַן די יודישע כלל-טהוערין פרוי עמיליאַ דאַ-ווידאָוויטש.

פרוי עמיליא דאווידאָוויטש געהער צו די געצעהלטע יודישע עסקניות אין אונזער שטאָדט, וועלכע האט א פּאָזי-טיווע בעציהונג צום יודישען קולטור-וועזען, נישט בלויז וואָס זי אַרבייט באמת ובאמונה אין כמעט אַלע פילאַנ-טראָפּישע אינסטיטוציעס, איבעראיפּט אין פרויען פעראיין „עזרה", וואו זי פערגעסט דעם אמט פון וויצע פרעזע-סין, אין טאָז אז"וו אז"וו, נאָר אויך אין דער אַקציע פון יוו"א האט פרוי דאַווידאָוויטש זעהר פיעל געלייסטעט, שאַפענדיג גרויסע סומעס פאַר דעם דאָזיגען יודישען וויסענשאַפטס-צענ-טער.

זאָל מען זאגען אָפען: אונזערע פּאַ-ניושעס און די אַזוי-גערופענע אַריסטאָ-קראַטישע סמעטענע פון אונזער שטאָדט טהוען בסדר טובות מיט זייער פילאַנ-

אנדערע בעקאנטע צרות און פורעניות,

פאַגראָמען אין א גרויסען מאסשטאב, אָט אין דעם מאַסשטאַב פון כמעלניצקי, גירושים אין א גרויסען מאסשטאב פון מיטעלאלטער און נגישות אין אזא מאסשטאב וואס דער מיטעלאלטער האט אפילו נישט געהאט.

צוריק די אלטע יודישע געשיכטע. דער שמייכעל האט נישט לאַנג געדויערט.

אָט שפרינגט ארויס היטלער און דאס לאַנד, וואס האט אונז אייגענטליך די ערשטע אריינגעפיהרט אין דער וועלט·קולטור, דאס לאַנד, וואס האט ארויסגעגעבען די בעוואוסטע משפילים אונזערע, וועלכע האבען אזוי שעהן בעזונגען די גוטסקייט און די פרומקייט פון דער ציוויליזירטער וועלט, אָט דאָס לאַנד ווערט דאס גיהנום פאַר אונז.

דער גיהנום פון מיטעלאלטער.

און אָט שפרינגט ארויס אַנ'אַנדערער און מאכט פאַר אונז מיטעלאלטער אין זיין לאַנד.

צוריק ווי געווען.

און ווי געווען זענען דאָ איצט אויך לענדער וואו מיר זענען אָנגעלעגטע בירגער צוגלייך מיט די אנדערע בירגער.

אפשר האט די וועלט געמאכט א שטיקעל פראָגרעס. אפשר, אָבער בנוגע צו אונז האט זי פאקטיש קיין פראָגרעס נישט געמאכט.

און ווען אפילו מיר זענען פאקטיש געווען גלייכע בירגער אין דייטשלאַנד איז אין די קעפ פון די דייטשען געבליבען די זעלביגע מיטעראלטערליכע בעציהונג צו אונז.

און דאָ און דאָרט איז זי ארויסגעשפרונגען אין ביכער, אין צייטונגען און אין רעדעס.

בנוגע יודען איז די וועלט געבליבען אַלט און פינסטער ווי אין מיטעלאלטער.

יודען און אראבער אין דער געשיכטע

(המשך)

אַז מחמד'ס קאַמפען געגען יודען האבען נישט געשטאַמט פון דער זעלבער אַבגרונד·טיפער פעראַכטונג, ווי די רוימיש·קריסטליכע פערפאָלגונגען געגען יודען, — איז אויך צו זעהען דערפון, וואס גלייך נאך מחמד'ס טויט זאָגען די יודען ווידער איינגעטרעטען אין גוטע בעציהונגען מיט די אראַבער. ווען די אראבער בעהערשען די לענדער פון נאהנטען מורח ביים ים התכון, ערָאָבערנדיג זיי פון אונטער דער מזרח·רוימישער (ביזאַנטישער) הערשאפט, ווערען זיי דורך די יודען ווי אויך דורך מאַנכע סעקטעס אויפגענומען אלס בעפרייער. דאס זעלבע אויך אין די פריהערדיגע פערסישע געגענדען, ביים חידקל און פרת. אין פערסיען גיט דאמאַלט קאַליף אָמאַר, נאָך זיין זיגרייכען בעהערשען דאָס לאַנד, בעזונדערע רעכט דעם נשיא בוסתנאי, וועלכער בעקומט א גרויסע זעלבסטשטענדיגע מאַכט איבער די יודען, וואס האַלט אָן ביי דער זעלבער פאַמיליע עטליכע הונדערט יאָהר. אין יענע צייטען ווערען אויך נישט דורכגעפיהרט אין לעבען די שטרענגע געזעצען, וועלכע דער זעלבער קאַליף אָמאַר האָט אַרויסגעגעבען געגען יודען און אנדערע נישט·מאָכמעדאַנער.

אין קיסרי', די מזרח·רוימישע הויפּטשטאָדט פון סיריען, זענען די אראבער אריינגעדרונגען מיט דער הילף פון די יודען. אויך אין שפּאַניען, וואו די יודען האבען מורא'דיג געליטען פון קאָטוילישע גאָטישע פערפאָלגונגען, האבען יודען, אין יאָהר 711, געמאכט א וועג פאר די אראבער, אלס בעפרייער.

אונטער דער הערשאפט פון די אראַבער אין בבל האט זיך דער למוד התורה אין די דאָרטיגע ישיבות געוואלדיגט ענטוויקעלט. ס'קומט דאַן די בליה צייט פון דער גאונים - תקופה. נישט פריהער אין גלות און נישט נאָכהער האבען יודען נישט געהאָט אזא „תורה וגדולה במקום אחד", אזא מאַיעסטעטישע שטעלונג פון דער תורה און איהרע פערטרעטער אין יודישען פאָלקס לעבען, הן כלפי חוץ און הן כלפי פנים, ווי אין יענער צייט.

אויף א לאַנגע צייט שפּעטער איז דער גורל פון יודענטום געווען ענג געבונדען מיט דעם אראבערטום, מיטמאכענדיג צוזאמען די ירידות און עליות. ווען די קאַליפען הערשאפט פון באַגדאַד און בבל פאַלט, פיילען אויך דעם זעלבען גורל די גרויסע צוויי יודישע אינסטיטוציעס פון לאַנד — די ישיבות פון סורא און פומדיתא. אין דער זעלבער צייט, לערך אין יאהר 900, בליהט זיך פונאנדער די מלוכה פון די אראבישע פירשטען אין שפּאַניען און עס ענטשטעהט די גאָלדענע תקופה פון שפּאַנישען יודענטום.

אויך גייסטיג בילדעט זיך א גורל·געמיינזאַמקייט צווישען יודען און אראבער. די קריגערישע לעבענס אַרט פון די אראבער איז גורם דאס ביי די יודען פון די אראבישע לענדער ענטשטעהען מאַנכעס מאָל קריגערישע בעוועגונגען אויף רעליגיעזע מאָטיוען.

אזוי ענטשטעהט אין יאהר 720 א בעוועגונג אונטער דער אָנפיהרונג פון משיח השקר ש ר י נ י, וועלכער רופט די יודען מיט כח אָבצונעמען ארץ ישראל און אונטערצודריקען די אראבער. די אָנהענגער פון דאָזיגען משיח זענען געווען בעווירקט פון אראַבערטום אויף אזויפיל, אז זיי האבען נישט אנערקענט די תלמודישע דינים, פיהרענדיג א נישט·געצוימטען לעבענס·אָרט. נאָך שריני'ס מפּלה און די איבער איהם דורכגעפיהרטע עקזעקוציע, זענען זיינע אנהענגער, ווי צוריקקעהרענדע רשעים און אָבטריניגע, דורך רבנו נוטראי גאון אויפסניי אויפגענומען געוואָרען אין יודענטום ווי פרעמדע. אויך די קאַראַאימישע בעוועגונג, וועלכע איז ענטשטאנען אין יאהר 730 אין בבל, איז גלייכצייטיג בולט בעהערשט געווען פון די ווילדע און מרה·שחורה'דיגע גייסטען שטימונגען פון די מדבר פעלקער, — אמווייניגסטען אין איהר אָנפאַנג. פון דער אַנדער זייט האָט דאָס קאַראַאימישע כסדר'דיגע פעררופען זיך אויסשליסליך אויף דער תורה שבכתב און דאס פערוואַרפען די מסורה, די תורה שבעל·פה, גענומען איהר מוסטער פון דער מחמד'אנישער ש י א י ט ע ן·סעקטע, וועלכע איז דאַן ענטשטאַנען.

אין די גייסטיגע קאַמפען צווישען דעם שפּאַנישען יודענטום פון עלפטען ביז'ן 13·טען יאהרהונדערט שפּיגלען זיך געגנוי אָב די אַלע בעוועגונגען אין דער אראַבישער פילאָזאָפישער וויסענשאַפט, ווי די שיטות פאַר אָדער געגען דער גריכישער פילאָזאָפיע, פאַר אָדער געגען דאס פערשטעהן ווערטליך די תנ"ך·אויסדרוקען מכח די גשמיות אייגענשאַפטען. אראַביש איז אויך געווען די שפּראַך פון יודישען וויסען און פאָרשען, אין וועלטליכער ווי אויך אין רעליגיעזער ליטעראטור. אין אראביש זענען פאר דעם יודישען לייענער געווען געשריבען אין 10·טען יאהר·הונדערט די ספרים פון רבי יהודה הלוי און אין 12·טען — די ספרים פון רמב"ם.

זעהר א שווערע לאַגע שאַפט זיך פאַר די יודען אין די אראבישע לענדער פון צפון·אפריקא און שפּאַניען, ווען די פאנאטישע און קריגערישע מומולמענישע סעקטע, וועלכע איז ענטשטאנען אין יאהר 1150, די א. ג. אַ ל מ אָ ה אַ ר ע ן — אגב נישט קיין אראבער נאר בערבערען — האט בעהערשט די דאָזיגע מדינות נאָך א שנעלען נצחון מאַרש, צווינגענדיג אַלעמען אָנצונעמען דעם איסלאַם און דוקא לויט דער פאָרם ווי זיי האבען איהם פערשטאַנען. נאַטירליך האבען זיי אויך די יודען נישט געשוינט און האבען זיי געשטעלט פאַר דער ברירה: איסלאַם·אויסוואַנדערונג אָדער טויט. ווי בעקאַנט, האט צוליב דער דאזיגער סעקטע אויך די פאמיליע פון רמב"ם געמוזט ענטלויפען פון שפּאַניען קיין צפון·אפריקע און נאכהער קיין א"י און מצרים. פיעל יודען פון די דאָזיגע לענדער האבען זיך דאמאלס מוסר נפש געווען על קדוש השם, פיעל האבען אבער, נישט קענענדיג ביישטעהן דעם נסיון, אָנגענומען כלומרשט דעם איסלאַם, פערבלייבענדיג אין געהיים טריי דעם יודישען גלויבען, פיהרענדיג א לעבען ווי די שפּעטערדיגע שפאנישע אנוסים. דאס אָננעמען למראית עין דעם פרעמדען גלויבען, וואס האט שוין געדינט אלס רעטונג פאר מאנכע יודען אויך אין דעם גאָטיש·קאָטוילישען שפּאַניען, האט בנוגע דעם איסלאַם זיך פיעל לייכטער פערשפרייט, ווייל די מאָכמעדאַנער האָבען זיך בעגנוגענט דערמיט, מ'זאל נאָר אנערקענען מחמד'ן אַלס נביא און פון צייט צו צייט בעזוכען דעם מעטשעט. אין אלעם איבעריגען האבען זיי זיך נישט אינטערעסירט און מ'האט גאַנץ רוהיג געקענט בלייבען ביי דער פריהערדיגער אויספיהרונג אָהן ענדערונגען. ווי בעקאַנט האט דער רמב"ם געזוכט צו פערטיידיגען און צו פערענטפערען די דאָזיגע אומגליקליכע, וועלכע האבען אויף דעם וועג געראַטעוועט זייער לעבען. דער שטורם פון דער אַלמאָהאַדען·סעקטע האט אזוי אָנגעהאַלטען ביז'ן 13·טען יאהרהונדערט.

אַנדערע מוסולמענישע פאנאטיקער פערביטערען אין יאהר 1160 דאס לעבען פון די יודען אין תימן. די דאָזיגע אונטערדריקונג רופט ארויס ווי יעדע געוואַלט א שטאַרקען געגענדרוק — אויך דאָס מאָל אין געשטאלט פון א פאלשער משיח'שער בעוועגונג. די דאָזיגע בעוועגונג ווערט אָנגעפיהרט פון א פאנטאזיאטאָר, וועלכער האט געפּרעדיגט „קאָמוניסטישע"ווירטשאפט און אויפשטאַנד געגען די אראבישע הערשער. דער רמב"ם ווערט דאַן — ווי בעוואוסט — אָנגעפרעגט פון רומענישע יודען וועגען זיין מיינונג מכח דעם דאָזיגען „משיח". דער רמב"ם ענטפערט זיי, אַז דער דאָזיגער פערשוין קען קיין משיח ד' שוין צוליעב דעם אליין נישט זיין, ווייל זיין לעהרע וועגען דער שותפות פון אלעמענס אייגענס איז אין פולשטענדיגער סתירה מיט די דינים פון מעשר און צדקה — און ער האט ערקלערט דעם „משיח" פאר נישט·נאָרמאַל. פון דאָזיגען עפּיזאָד קענען מיר — אגב — לערנען א כאַראַקטעריסטישען פּרט, אז נאָר אין צייטען פון געוואלדיגער אונטערדריקונג געפינען זיך יודען, וועלכע ווילען אינגאנצען בטל מאכען דעם בעגריף פון אייגענטום. אָבער אויך דאַן ווערען אזעלכע יודען מצד די פעראַנטוואָרטליכע פערטרעטער פון דער יודישער תורה פולשטענדיג איגנאָרירט און דעזאַוואָאירט.

(סוף קומט).

Każda chwila jest cenna.. gdy z rana mąż spieszy się do pracy, dzieci do szkoły, a na pani domu wiele ciąży obowiązków gospodarczych. Wtenczas to specjalnie ceni się gotową mieszankę ENRILO, która tak znacznie ułatwia przyrządzanie kawy na śniadanie. Mieszankę tę, którą kupujemy już gotową do użycia, w stanie zmielonym-zagotowuje się przez trzy minuty i już mamy gotową wyśmienitą kawę, która ponadto jest tak tanią.

Ten rysunek jest znakiem towarowym najpopularniejszych preparatów dla dzieci
BEBE SZOFMANA
PUDER. MYDŁO. KREM
OLIWA TOALETOWA

טראַפּישער אַרבייט אויפ'ן שפּיץ מעסער לטובת די אָרימע און הילפלאָזע און דערביי שוויצען זיי און מאכען א וועלט גליקליך און סוף כל סוף איז דאָס נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. פרוי דאַווידאָוויטש אָבער איז איינע פון די זעהר ווענִיגע, וועלכע האבען א געזונדען חוש פאר דער דאזיגער ארבייט לטובת הכלל. זי דאַרף נישט און יאָגט זיך נישט נאָך רעקלאַמע, ווי אנדערע בעלי טובות, נאָר איהר ארבייט דרינגט ארויס פון די טיפענישען פון איהר איידעל הארץ און קלאָרען פערשטאַנד.

פון דער אָפיציעלער מאַכט האָט פרוי אינזש. דאַווידאָוויטש בעקומען א גאָלדענע אויסצייכנונג וואָס מען שפּילעוועט צו צו דער קלאַפּע, פון דער יודישער געזעלשאַפט האט די פרוי דאַווידאָוויטש זיך פערדינט אַנ'אויסצייכנונג, וואס דרינגט ארויס פון טיפען הארצען מיט פיעל אויפריכטיגע דאַנקבארקייט און דעם אמתן יישר כח.

בעריכטיגונג...

כ'האלט פאר מיין פליכט צו געבען א „בעריכטיגונג" צוליעב אַנ'אַנגעשריבענער נאָטיץ, וואָס איז נישט פונקטליך איבערגעגעבען געוואָרען...

אין פוריגען נומער פון אונזער צייטונג האָב איך געשריבען, אז דאס וואס די ישיבה „כתר תורה" האט אַרויסגעשיקט די תלמידים צו זאמלען פורים שלח מנות פאר דער ישיבה, איז נישט אין אָרדנונג.

ווי מען מאַכט מיך אָבער אויפמערקזאַם, האב איך נישט פונקטליך איבערגעגעבען, דהיינו, איך האב געשריבען, אַז אויף פורים האט מען ארויסגעשיקט די תלמידים, אין דער צייט, ווען די זעלבע ישיבה·תלמידים שנאָרען אויך א גאַנץ יאהר.

למען האמת מוז מען פעסטשטעלען, אַז די בחירים'לעך פיהרען זייערע זאמלונגען אויפ'ן בעסטען אופן. פאר יעדער נדבה, וואָס זיי בעקומען, גיבען זיי ארויס א קוויטונג פון אזא ספּעציעל בלאָקיל, אזוי אז מען קען זיי חס ושלום נישט חושד זיין, אַז זיי לאָזען אָראָב די געזאַמעלטע געלדער אין די טאָשען אריין.

אָי וואָס איהר פרעגט, אַז אויב זיי, די תלמידים הייסט עס, זענען פערנומען א גאַנץ יאהר מיט שנאָרען. טאָ ווען לערנען זיי? אויך ווילט איהר אוודאי פרעגען, אַז אויב מען געוואוינט צו יונגע קינדער צו שנאָרען, קאן דאס ביי זיי ווערען א געוואוינהייט ר"ל, וואס איז אַ געוואלדיגע דעמאראליזאציע א. אז. וו. דאַן וועט איהר נאָך קומען מיט א שאלה און זאָגען, אַז די ישיבה „כתר תורה" ווערט דאָך, ווי מען שמועסט, אויסגעהאַלטען פון די פאנדען פון רבי'ן אין סאָסנאָוויץ, טאָ פארוואָס האַלט מען אין איין שנאָרען און דערצו בענוצט מען זיך נאָך מיט די תלמידים פון דער ישיבה — ענטפער איך אייך, אַז אויף די אלע פראַגען וועל איך קיין תירוץ נישט געבען, ס'איז נישט מיין עסק. איך האב נאָר געוואָלט צוליעב דער נישט·פונקטליכקייט פון מיין פריהערדיגען שרייבען, געבען די געהעריגע בעריכטיגונג...

עס איז נישט גענוגענד.

ענדליך איז נאָך דריי מאָל רופען זיך צונויפגעקומען דער אַלטער קהלה·ראַט אין דער צאָהל פון 7 פערזאָן. געווען אָפילו 8, נאָר איינער איז באַלד ענטלאָפען זענען געבליבען 7 און נאָכדעם ווי מען האט אָרומגערעדט די פראַגע וועגען דער היי·יעהריגער קמחא איז נאָך לאַנגע ויכוחים (ס'וואָלט נישט געווען נאַטירליך, אַז מען זאָל ביי א יודישער אסיפה גלאַט יוצא זיין אָהן ניין מאָס רייד) בעשטימט געוואָרען א געוויסע סומע אויף קמחא.

עס האט נישט געהאָלפען דאס, וואס דער קהלה פרעזעס האט אויפמערקזאַם געמאכט, אַז די בעשטימטע סומע וועט נישט קלעקען אָפילו אויף 50 פראָצענט פון די הצטרכות און מיט 4 שטימען געגען 3 האט מען בעוויליגט צוצוּוואָרפען די נישטיגע סומע.

איי, איז דאָך די קשיא, פון וואָנען וועט מען נעמען דעם עודף? ווי אָזוי וועט מען קענען געבען די טויזענדער נצרכים כאָטש אַ מינימום פון זייער בעדערפניש, נאָר דאס איז קיין קשיא גישט — זאָלען זיך די קהלה · פיהרער דעם ראש שלאָגען אין קישען, זאָלען זיי אויסהערען די קרעכצען און אויך די קללות פון די הונגעריגע, וואס געהט עס אָן אונז, פרנסים, פון אַלטען קהלה·ראַט...

ניין, רבותי, אַזוי טהוט מען נישט, מען מעג טאַקי זיין בייז אויפ'ן חזן — מיין איך אויפ'ן קהלה·פרעזעס — וואס זענען אָבער שולדיג די טויזענדער אָרימעלייט, די פרנסה'לאָזע בכבוד'ע יודען, וואס נויטיגען זיך וועגען הילף אויף פסח.

דער תירוץ, אַז איהר האט דאָך בעשטימט אַ געוויסע סומע אויף קמחא, איז נישט בעפרידיגענד דערפאַר, ווייל דאס וועט נישט סטאַיען, עס איז נישט גענוגענד.

כ'טאָר נישט מעהר שווייגען.

איך מוז דאס מאָל ברעכען דעם פּרינציפּ, נישט אריינצומישען זיך אין פּריוואטע ענינים, איבערהויפּט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען מאַן·און ווייב·פראַגען. דאס מאָל אָבער מוז איך געגען מיין ווילען דעם ענין יאָ בעריהרען און דאָס איז, אין דעם ענין קעלטשיגלאָווסקי.

כ'וויל זיך נישט אריינלאָזען אין פרטים, כ'וויל נישט זיין קיין שופט, כאָטש די גאַנצע שטאָדט, אָהן אויסנאהם, איז אויף דער זייט פון דער פרוי, וועלכע ווערט שרעקליך מאַלטרעטירט, דאָך וויל איך נישט משפטען, אָבער שווייגען טאָר מען אויך נישט.

טאג·טעגליך קומען פאָר אין דעם הויז סקאַנדאַלען, מענשען קומען זיך צונויף און דאס חירקט זעהר דעמאָראַליזירענד. אין אלדע גוטע יאָהר, אויב איהר האט א סכסוך, ערלעדיגט עס אייך שטילערהייט, צווישען זיך; עס איז אויך פערהאַנען א ראַבינאַט, אַ געריכט, נעמען אָבער און עס אַרויסטראָגען אויף דער גאַס און דערפון מאַכען סענסאַציעס, דאס איז נישט דערלאָזבאַר, דאס איז סקאַנדאַליעז.

און זאָל דאָ אָפען געזאָגט ווערען, דער שרייבער פון די שורות קען די משפחה קעלטשיגלאָווסקי פון קינדהייט אָן און ווייסט, אַז זיי זענען אָרענטליכע בעל·בתישע מענשען. דאס אָבער, וואס ס'קומט איצט פאָר, שעדיגט אייער רעפּוטאציע, מאַכט א תל פון אייער גוטען נאָמען, וועלכען איהר האט אויפגעהאַלטען אזוי לאַנג.

שוין עטליכע וואָכען, ווי צו אונז ווענדען זיך לעזער און פערלאַנגען, אַז מיר זאָלען וועגען די סקאַנדאַלען שרייבען. מיר האָבען אַלץ זיך אָבגעהאַלטען טאַקי צוליעב דעם אויבענדערמאַנטען פּרינציפּ נישט זיך צו מישען אין פּריוואַטע ענינים, ווען איך האב אָבער אין מיטען טאָג געזעהען א געלויף און אַלס זשורנאַליסט געוואָלט זעהען, וואס דאָ קומט פאָר, האט אַ פּאָליציאַנט מיך אויפגעשריבען אַלס שולדיגען אין אַ צומענגעלויף — דאס איז שוין עפּיס אַנדערש, קאן מען נישט שווייגען.

מילא, איך וועל מיר שוין אַנ'עצה געבען, מיין זשורנאַליסטען·לעגיטימאַציע וועט שוין דעם שטראָף מאַנדאַט בטל מאכען. דערביי זענען אָבער אַנדערע צעהנדלינגער נייגעריגע, וועלכע זענען געקומען צו לויפען ראַטעווען א בעפאַלענע הילפלאָזע פרוי, מוזען בעצאָהלען שטראָף מאַנדאַטען, טאָ צו וואס דאַרף מען דאס?

ניין, ווייטער דאַרף עס אַזוי נישט זיין, מען טאָר מעהר נישט שווייגען.
לויתן

די גראַנדיעזע „חנוכּת-הבית"-פייערונג פון יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום.

פונקט א טאג נאָכדעם, ווי עס איז אָנגענומען געוואָרען דער שחיטה-פּער-באָט, איז אויסגעפאַלען די חנוכּת-הבית-פייערונג פון נייעם בנין פאַר'ן יודישען גימנאַזיום.

די שטימונג איז דעריבער געווען אַביסעל א געדריקטע, וואָס ס'האָט זיך אַרויסגעפיהלט סיי פון די רעדעס, וועלכע זענען געהאַלטען געוואָרען פון די צוגעפאָהרענע געסט, סיי אויף די פּנים'ער פון די היגע בעלי-שמחה.

די פרייד לכּבוד דעם נייעם הער-ליכען בנין איז אָבער געווען אזוי גרויס, אז זי איז בכּח אויף א געווי-סער צייט צו פעריאָגען דאָס גאַנצע ביטערניש, וואָס זאַמעלט זיך לעצ-טענס אָן אַזוי פיעל אין אונזער נשמה און איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א גרויסען נשמה יתּ'ה'דיגען יום כּוב, וואָס וועט לאַנג פערבלייבען אין אונ-זער זכּרון.

פאַר דער בעשטימטער שעה האָבען שוין אָנגעהויבען שטראָמען די איינ-געלאָדענע געסט, יום טוב'דיג אָנגע-טהון און פערנומען די פּלעצער אין הערליך דעקאָרירטען גימנאַסטישען זאַל. פון מינוט צו מינוט ווערט דער זאַל אַלץ פולער און פולער, אזוי, אז דער פערשפּעטיגטער עולם האָט גע-מוזט פערנעמען שטעה-פּלעצער אָדער בלייבען אין קאָרידאָר.

פון די צוגעפאָהרענע געסט בע-מערקט מען אונזערע אַלטע תּושבים: ד"ר זאַקס, א. ל. סויקא א. אנד. אויך האָבען בעעהרט מיט זייער בעזוך די געוועזענע דירעקטאָרען: פּראָפעסאָר ד"ר מאיר באַלאַבאַן, איינהאָרן א. אַנד. עס זענען געווען פערטרעטען דעלע-גאַטען: מצד דער סטאַראָסטווא—רעפּע-רענט מאַראשינסקי, מאַגיסטראַט—ווי-צע-פּרעזידענט פּראָפּ. דזשובא, קראָ-קאָווער קוראַטאָריום—וויזיטאַטאָר האַר-באַצקי, פאַרשטעהער פון דער פּאָליציי-קאָמענדע, דירעקטאָר פּלאַדאָווסקי א. אנד.

איידער די פייערונג הויבט זיך אָן, מאַרשירט אַריין דער שילער-כאָר און שטעלט זיך אויס אויף דער טריבונע, אויף וועלכער ס'הענגען די בילדער פון די העכסטע מלוכה-מענער און די פאָהן פון גימנאַזיום ווי אויך דער אַל-טער היסטאָרישער פּוילישער פאָהן.

עטליכע מינוט נאָך 12 פערנעמט דאָס פּרעזידיום, וועלכעס בעשטעהט פון די ה"ה: מ. נויפעלד, לאַוניק שפּיראָ, דיר. זיגמונד מאַרקאָוויטש און דיר. א. זיגמאַן. דעם פּרעזידיום-טיש און ה' נויפעלד עפענט די פייערונג מיט א בעגריסונג לכּבוד די געסט.

דער אָרקעסטער, וועלכער געפינט זיך אויפ'ן באַלקאָן שפּיעלט א מאַרש.

חזן פינקעלשטיין זינגט דאַן מזמור שיר חנוכּת הבית און ד"ר הירשבערג ריכט אָב א תּפילה אויף העברעאיש און פּויליש. דאַן ווערט געזינגען און געשפּיעלט דורכ'ן כאָר און אָרקעסטער דער פּוילישער און דער יודישער הימן.

ה' שפּיראָ גיט אָב א קורצען בע-ריכט פון ערשטען מאָמענט אָן, ווען ס'איז געבוירען געוואָרען דער גע-דאַנק וועגען אויפבויען אַן'אייגענעם בנין, ביז דעם מאָמענט, ווען די גע-בוידע איז ענדליך פערטיג געוואָרען. ווען מיר זענען צוגעטרעטען צום בנין —זאָגט לאַוניק שפּירא—האָבען מיר פערמאָגט צוויי זאַכען: א גוטען ווילען און בטחון, מיט וועלכע מיר האָבען אָנגעהויבען בויען, און אָט זעהט איהר די דאָזיגע געבוידע האָבען מיר געענדיגט. ה' שפּירא ווענדעט זיך מיט אַן'אַפּעל צו די פערזאַמעלטע, אז זיי זאָלען ווייטער אונטערשטיצען דאָס גרויסע ווערק, וואָס איז א שטאָלץ פאַר'ן יודישען טשענסטאָכאָוו.

דיר. אַניספעלד בעגריסט און זאָגט: שולען ווערען אייגענטליך כּסדר גע-בויט. די יודישע שולע אָבער, וועלכע איז געבויט געוואָרען אין שטורם און דראַנג, אין דער ביטערסטער צייט פאַר יודען, האָט א געוואַלדיגע בע-דייטונג. דאָס איז אַן'ענטפער אַלע אונזערע שונאים, וועלכע מאַכען אויף אונז בלבולים, דאָס מיר זענען א ניד-ריגע ראַסע, וואָס האָט נישט קיין זין פאַר קולטור און בילדונג. די גע-בוידע איז פערטיג—רופט אויס דיר. אַניספעלד, איצט דאַרף מען אַריינפיה-רען לעבען, זי בעהויכען מיט נשמה, אז די שילער, וועלכע וועלען פון דאַנען אַרויס זאָלען זיין שטאָלצע יו-דען און ערליכע, וואוילע מענשען.

דער רעדנער פערענדיגט זיין רעדע מיט אויסשרייען: „זאָל לעבען פּוי-לען", „זאָל לעבען דאָס יודישע פאָלק".

דער וויזיטאַטאָר האַרבאַצקי בע-גריסט אין נאָמען פון קראָקאָווער קו-ראַטאָריום, ער זאָגט: בעטראַכטענדיג די געביידע, אָנקוקענדיג די פּנים'ער פון די הויפּט מחותּנים און די געסט, זעהט מען נישט בלויז, אז דאָ האָט געשפּיעלט א ראָלע דאָס געלד, וואָס איז דאָ אַריינגעלייגט געוואָרען, נאָר מען זעהט אונגעהויערע שמחה, האַר-ציגע פרייד, וואָס שפּראָצט אַרויס פון די טיפענישען פון דער נשמה; פרייד, וואָס געהט אַרויס פון טיפער, היילי-גער איבערגעבענהייט; עס קלאַפּט א הייס פּולסירענד האַרץ און דאָס איז דער עיקר.

דער וויזיטאַטאָר מאַכט גלייכצייטיג קאָמפּלימענטען דער דירעקציע ווי אויך דעם פּעדאַגאָגישען ראַט און האָפט, אז אין דער דאָזיגער נייער געביידע וועט לען די שילער האָבען מעהר תּכלית. ער וויל האָפען, אז די שילער וועלען ערצויגען ווערען אין טרייען גייסט, וואָס דאַרף הערשען אין אַזאַ שולע און קיין שום פרעמדער גייסט וועט נישט האָבען קיין שליטה צו די הער-צער פון דער יודישער יוגענד. נאָר בילדונג, קולטור, ברידערליכקייט, זאָל זיין דער דעוויז פון דער שולע און דאָס וועט פיהרען צום טריומף פון דער מענשהייט.

פּרעזידענט דזובאַ בעגריסט אין נאָ-מען פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג און זאָגט: דאָס יודישע טשענסטאָכאָוו דאַרף מיט דעם פערטיגען בנין דיענען אַלס מוסטער פון סאָלידאַריטעט און אידעאַליזם. אַלס פּרעזידענט דריק איך אייך אויס פולע אנערקענונג און גלייכצייטיג בין איך אייך מקנא פאַר אייער אָפּפערוויליגקייט און גרויסען היילינגען אויפטהו. אַלס געוועזענער לעהרער מאַך איך אייך אויפמערקזאַם און שטעל פעסט, אַז מיר לעבען איבער איינע פון די טראַגישסטע מאָמענטען אין איי-ראָפּאָ, ווי אויך אין דער וועלט, עס קומט פאַר א ביטערער קאַמף צווישען גוטס און שלעכטס; אין א גרויסען טייל אייראָפּאַ ווערט פערשוועכט די פריי-הייט, די בעציהונג פון מענש צו מענש — ווינש איך אייך, אז אין דער דאָזיגער געביידע זאָלען ערצויגען ווע-רען מענשען, וועלכע זאָלען האָבען א זין פאַר פרייער מענשליכער ענטוויק-לונג, פאַר ברידערליכקייט פון מענש צו מענש און פאָלק צו פאָלק. און זאָ-לען מיר האָפען, אַז עס איז נאָהנט דער טאָג, ווען אַלע מענשען וועלען זיין ברידער, ווי פרייע מיט פרייע און גלייכע מיט גלייכע.

דער פאַרשטעהער פונ'ם פערבאַנד פון די יודישע געזעלשאַפטליכע גימ-נאַזיעס אין פּוילען ד"ר אריה טאַרטאַ-קאָווער האַלט א לענגערע רעדע אין העברעאיש און פּויליש, אין וועלכער ער זאָגט צווישען אַנדערן: מעשי ידיכם טובעים בים ואתם אומרים שירה — פון אַלע זייטען ווערען מיר, יודען, געפּלאָגט און פערפּאָלגט, מיר לעבען דאָך איבער די טרויעריגסטע צייט פון אונזער גאַנצער מאַרטירער-געשיכטע, אָט אין אַזאַ צייט קומען און גאָר אויפבויען גימנאַזיעס, טעמפּלען פון בילדונג און וויסענשאַפט, איז עס דאָך גאָרנישט צו פערשטעהן—וועלען מענ-שען פרעגען. נאָר דאָס טאַקי בעווייזט דעם גרויסען כּח פון אייביג-געפּלאָג-טען יודישען פאָלק. די פעלקער ווילען אונז פערטיליגען און מיר ענטפערען זיי מיט'ן עקשנות'דיגען העראָאישען קאַמף פאַר גייסט, פאַר בילדונג און וויסענשאַפט. דאָס גיט די גאַראַנטיע, אז עם ישראל חי, אַז מיר וועלען אויסהאַלטען אַלע ענויים און גזירות און זיך נישט אונטערגעבען.

עס געהט אויף די זון אויף די בערג פון יהודה, וואו דאָס יודישע פאָלק וועט בעניינען זיין לעבען און ווערען א געזונד נאָרמאַל פאָלק. מיט'ן אויס-רוף „תּחזקנה ידיכם" פערענדיגט ד"ר טאַרטאַקאָווער זיין איינדרוקספולע רע-דע.

דער לעצטער נעמט דאָס וואָרט דער זעהר חשוב'ער גאַסט פּראָפּ. דר. מאיר באַלאַבאַן, וועלכער ווערט אויפ-גענומען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענ-טען.

— איך — הויבט אָן זיין גייסטרייכע רעדע פּראָפ. באַלאַבאַן — בעגריס דעם היינטיגען יום טוב נישט אין עמיצענ'ס נאָמען, נאָר אין מיין אייגענעם נאָמען, אַלס איינער פון די ערשטע דירעקטאָ-רען פונ'ם דאָזיגען גימנאַזיום.

דער חשוב'ער רעדנער גיט איבער א קורצען איבערבליק איבער די ער-שטע עגזיסטענץ יאָהרען פון גימנאַזיום, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין די צייטען פון דער דייטשער אָקופּאַציע. אַלס פּראָגראַם האָבען מיר גענומען די סינטעזען: 1) דאָס ציגעבינדענקייט צו דער פּוילישער ערד; 2) די טראַדיציע פון אַלטען, יודישען פאָלק — אָט דאָס איז געווען דער סינטעז פאַר'ן פּראָ-גראַם פון דער יודישער מיטעל-שולע, וואָס איז דאַמאָלס געווען א נייעס אויף דער פּוילישער ערד. פּראָפּ. דר. באַלאַ-באַן דערצעהלט וועגען דעם, ווי אזוי ער איז אָהערגעקומען קיין טשענסטאָ-כאָוו אַלס אָפיציר פון דער פּוילישער אַרמעע אונטער דער קאָמענדע פון איצטיגען פּוילישען מאַרשאַלעק רידז-שמיגלי און ווען ער האָט איבערגענו-מען די לייטונג פון גימנאַזיום האָט ער דעם לעהר-פּראָגראַם געשטיצט אויף אָט די אויבענדערמאַנטע צוויי סינטעזען.

דער רעדנער דערמאַנט אויך דעם ערשטען פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג ה' הענריק מאַרקוספעלד ז"ל און דעם ערשטען דירעקטאָר ד"ר בריש ז"ל. ביים דערמאַנען די צוויי נעמען שטעהט אויף דער עולם פון די ערטער.

אָבזייענדיג צוויי יאָהר — דערצעהלט ווייטער פּראָפעסאָר באַלאַבאַן — בין איך גערופען געוואָרען דורך דער פּוי-לישער מאַכט קיין וואַרשא איבערצו-נעמען א פּאָסטען און איצט, ווען איך זעה, אַז דער חלום פון אויפשטעלען אַן'אייגענעם בנין פאַר'ן יודישען גימ-נאַזיום איז פערווירקליכט געוואָרען, בין איך שטאָלץ און דאָס גיט מיר, אַלטען מאַן, כּח, מוט און האָפנונג אויף בעסערע גליקליכערע צייטען, ווען די גאַנצע מענשהייט און אויך מיר, יודען, וועלען אויפגעריכט ווערען.

מיר לערנען דאָ, אין דעם הויז, אונזער יוגענד — זאָגט ווייטער דער חשוב'ער פּראָפעסאָר מיט טרעהרען אין די אויגען — אז זיי זאָלען ליעב האָ-בען די מענשהייט, אַז זיי זאָלען זיך בעקענען מיט די אוצרות פון דער גרויסער וועלט-וויסענשאַפט און דאָס איז אונזער היילינגע אויפגאַבע. ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען אויפ'ן באַרג מוריה, האָבען די כּהנים געהאַל-טען וואַך. איין וואַך איז געקומען און די צווייטע איז אוועק. ביים איבערגע-בען די וואַך האָבען די פּריש-אָנגעקו-מענע געמוזט אָנגעבען א פּאַראָל, וועלכע איז געזאָגט געוואָרען אין העב-רעאיש. די יודישע שונאים האָבען דאַ-מאָלס פּונקט אַזוי ווי די היינטיגע שונאים געמאַכט בלבולים, אַז ווער ווייס וואָס פאַרע געהיימע ווערטער די יודען רעדען צווישען זיך. פאַקטיש אָבער איז די דאָזיגע לאָזונג געווען: מי ששכן את שמו, בבית הזה הוא ישכן ביניכם שלום ואהבה ואחוה ורעות. אָט מיט דער דאָזיגער ברכה, מיט דער לאָזונג בעגריס איך אייך. זאָל אין דעם דאָזיגען הויז רוהען און הער-שען שלום, ברידערליכקייט, ליבשאַפט צו אַלע מענשען פון דער גאַנצער וועלט.

מיט א שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען זענען בעגלייט געוואָרען די האַרציגע ווערטער פון אַלטען חשוב'ען געלעהר-טען, וועלכע האָבען מיטגעריסען אַלע פערזאַמעלטע און ביי א סך האָבען זיך געוויזען טרעהרען אין די אויגען. די קריסטליכע פאַרשטעהער האָבען דעם רעדנער הייס געדריקט די האַנד.

צום סוף זינגט נאָך דער שול-כאָר עטליכע פּוילישע און העברעאישע לי-דער און מיט דעם ווערט פערענדיגט די אימפּאָזאַנטע פייערונג.

פינף איינצעלנע זאָלען זענען אָנגע-רופען געוואָרען אויף די נעמען פון די ה"ה י. לעוויט, מ. נויפעלד, א. ל. סויקא, ג. ראָטשטיין און זיגמאַן.

צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ זענען מיר נישט אימשטאַנד איבערצוגעבען גענוי אַלע רעדעס, וועלכע זענען געווען אויסערגעוועהנליך אינטערעסאַנט, נאָר אין אַלגעמיין איז כּדאי צו בעמערקען, אז די דאָזיגע פייערונג איז געווען א גראַנדיעזע און וועט לאַנג, לאַנג בליי-בען אין זכּרון. דאָס איז געווען א ליכ-טיגער שטראַהל אין אונזער פינסטער לעבען — א גרויסער, היילינגער נשמה-יתירה'דיגער יום טוב, וואָס דאָס יודי-שע טשענסטאָכאָוו וועט קיינמאָל נישט פערגעסען.

מיט גאָלדענע אותיות דאַרף פער-שריבען ווערען דער טאָג פון 27-טען מערץ 1938, ווען די טשענסטאָכאָווער יודען האָבען בעוויזען מיט מעשים, אַז קיין שום נגישות און מאָראַלישע יסו-רים זענען נישט בכּח אונז צו פער-שטיפען אין א תּהום פון פערצווייפלונג און יאוש, אַז — עוד עם ישראל חי.

זאָלען זיין געבענשט די הענד פון די עסקנים — תּחזקנה ידיכם.

ש. פ.

דער ראַבינאַט—וועגען פּסח'דיגע פּראָדוקטען

צוליעב דער הפקירות אין עניני כּשרות, ווענדעט זיך דער ראַבינאַט צו די סוחרים, וועלכע האַנדלען מיט פּסח'-דיגע פּראָדוקטען, ווי למשל, מיט צו-קער, זאַלץ, אייל, קאַקאַס פּוטער א.ד.גל., אַז זיי זאָלען אַכטונג געבען, דאָס די דערמאַנטע פּראָדוקטען זאָלען בעזיצען הכשרים פון די רבנים, וואו זיי זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען און די דאָזיגע הכשרים דאַרפען פאַרגעשטעלט ווערען דעם ראַבינאַט, וועלכער וועט זיי בע-שטעטיגען אהן יעדען אבצאהל.

פון סוחרים-און פאַבריקאַנטען-פעראיין.

דאָס פּרעזידיום פון דער אַלגעמיי-נער פערזאַמלונג פון סוחרים-און פאַב-ריקאַנטען-פעראיין איז מודיע די מיט-גלידער פון פעראיין, אַז דעם 3 אַפּריל ה. י., ד. ה. זונטאג האַלב 5 א זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל דער המשך פון דער אַלגעמיי-נער פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון סוחרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 20 מערץ ה. י.

נעמענדיג אין אַכט א רייה וויכטיגע ענינים פון טאָג-אָרדנונג, וואָס פערלאַנ-גען אַ גרעסערע צאָהל אנוועזענדע — ווערען אַלע מיטגלידער געבעטען אומ-בעדינגג און פּונקטליך צו קומען אויפ'ן המשך פון דער אַלגעמיינער פערזאַמ-לונג. דער פעראיין, וואָס איז בערופען צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון זיינע מיטגלידער, פאָדערט זייער די-רעקטען אַנטייל אין דער פערזאַמלונג.

אַ שוואַרצע קאַווע אין נייעם בנין פון יודישען גימנאַזיום

מאָרגען, שבּת, דעם 2 אַפּריל ווערט דורכ'ן עלטערן-קאָמיטעט ביים יודישען גימנאַזיום, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערעפנונג פון נייעם בנין, איינגעאָר-דענט א שוואַרצע קאַווע פאַר אַלע עלטערן, פריינד און סימפּאַטיקער פון גימנאַזיום.

אָנהויב 8 א זייגער אָווענד אין די זאַלען פון נייעם בנין אויף יאַסנאַגור-סקאַ 8—10.

די גאַנצע הכנסה איז בעשטימט אויף אויסצופערטיגען דעם בנין.

וואוהין געהט די וועלט?

פרייטאג, דעם 8 אַפּריל קומט פאָר אין זאַל פון פייערלעשער די פאָרלעזונג פון בעקאַנטען פּובּליציסט און ערשט-קלאַסיגען רעדנער, ברודער פון גרויסען דיכטער ח. לייוויק, רעד. ד"ר י. האַל-פערן פון וואַרשא אויף דער טעמע: „וואוהין געהט די וועלט?"

די אַקטועלע טעמע און בכלל די פּעריזאָן פון רעדנער האָט אַרויסגערופען א גרויסען אינטערעס.

צוויי מאַשינען-געוועהר פאַר'ן היגען פּיעכאָטע-פּולק

אויפ'ן צוזאַמענפאָהר פון דעטאַליס-טען און הורט-טאַבאַק סוחרים, וואָס איז פאָרגעקומען אין טשענסטאָכאָוו דעם 20 מערץ ה. י., אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן רעאָרגאַניזירען דעם טאַבאַק פערקויף, איז אָרומגערעדט געוואָרען דער פּראָ-יעקט פון א זאַמלונג אויפ'ן „פ. אָ. נ." און וויגטער-הילף פאַר אַרבייטסלאָזע. אַנערקענענדיג די מיטווענדיגקייט פון א שטאַרקערער בעוואָפנונג פאַר דער אַרמעע, וואָס קען גאַראַנטירען צו דער-האַלטען די אונאָבהענגיגקייט און גע-גענשטעלען זיך אַלע געפאַהרען, האָבען די פאַרשטעהער פון טאַבאַק סוחר'טום בעשלאָסען:

פאַר דער געזאַמעלטער סומע, אַנ'ערך 8.000 זלאָטעס, צו קויפען צוויי שווערע מאַשינען-געוועהר פאַר'ן אָרטיגען פּיע-כאָטע-פּולק. פון דער פערבליבענער סומע (אַנ'ערך 2,000 זל.) צו בעשטימען 500 זלאָטעס אויף צו פערענדיגען די סטזשעלניצע אויף 7 הייזער-גאַס און די רעשט איבערצוגעבען דעם לייטער פון פּיעכאָטע-פּולק אויף קולטורעלע און בילדונגס-צוועקען פון פּולק.

דאָס איבערגעבען די מאַשינען-גע-וועהר זאָל פאָרקומען אינ'ם טאָג פון יום-טוב פון היגען פּיעכאָטע-פּולק, ד.ה. דעם 15 יוני ה. י.

פערשוואונדען אַ 13-יעהריג מיידעל

קאַזשימיערא גאַגאַס, יאַסנאַגורסקא נר. 12, האָט געמאָלדען דער פּאָליציי, אַז איהר 13-יעהריגע טאָכטער דאַנוטאַ איז אַרויסגעגאַנגען פון דערהיים דעם 26 ד.ח. און זיך מעהר נישט צוריקגע-קעהרט.

דאס טשענסטאכאווער יודענטום אונטער'ן רושם פון תענית - צבור

אויף דער אויפפאָדערונג פון די פוילישע רבנים, רביים און געזעלשאַפט-ליכע טוער איינגעאָרדנעט אויף נעכטען דאָנערשטאג א תענית צבור צוליעב די גזירות, וועלכע שטעהן זיך אויף אונז יודען די לעצטע צייטען, האט זיך דאס טשענסטאָכאָווער יודענטום זעהר ווארים אבגערופען און זיך מאסענווייז בעטיי-ליגט אין נעכטיגען תענית צבור.

מיטוואך אוונד איז דורכ'ן היגען ראַבינאַט צונויפגערופען געוואָרען א גרעסערע אסיפה אין דער קהלה און נאך א לענגערער דיסקוסיע איז פעסט-געשטעלט געוואָרען דער פראָגראַם פון תענית צבור.

נעכטען פונקטליך 4 א זייגער נאכ-מיטאג האבען זיך מאסען יודען פער-זאַמעלט אין די שוהלען און בתי-מדרשים, געזאגט בצבור יום כפור-קטן און עס זענען געהאלטען געוואָרען רעדעס מעניינא דיומא.

אזוי איז די שטאדט-שוהל געווען איבערפולט פון מענער און פרויען, פאר וועלכע עס האט גערעדט דער מורה הוראה ר' נחמן גרינפעלד און ר' משה האָלטער. בעת עס זענען בעריהרט געוואָרען די גזירות, וועלכע שטעהן זיך אויף יודען, האט זיך דערהערט א יאַ-מערליך געוויין. דאס זעלבע איז גע-ווען בעת'ן בלאָזען שופר.

אין דער „אהל יעקב"-שוהל האט גערעדט הרב ר' בנימין רובין. אויך אין אנדערע שוהלען האט מען געדאַ-ווענט בצבור יום כפור קטן, געבלאָזען שופר און גערעדט מעניינא דיומא.

אין דער נייער שוהל האט מען אין דערבייאיינגען שטיבל געדאווענט מנחה און דער צווייטער חזן און בעל-קורא ה' קאָלמערסקי האט אבגעריכט דעם יום כפור קטן און געבלאָזען שופר. קיין רעדעס זענען נישט געהאלטען געוואָ-רען.

דער נעכטיגער תענית צבור האט אויף די טשענסטאָכאָווער יודען איבער-געלאזט א טיפען רושם. אין א סך שוהלען האט דער עולם געשוואוירען נישט מעהר צו קויפ;ן קיין טריפה-פלייש און, אויב די שחיטה גזירה זאל אָנגענומען ווערען, זאלען זיי אינגאַנ-צען נישט עסען קיין פלייש.

א גרויסער אויסוואַהל פון

הערען=קאָפּעלושען

פון די מאָדערנסטע פאַרבען און פאַסאָנער

פון די בעסט= בעקאַנטע פאַבריקען

HÜCKEL און DANIELCZYK

S. KRAUSKOPF, I ALEJA 12

אהן שום יסוד האָבען די קצבים געהויבען די פרייזען פון כשר פלייש

ווי מיר האבען זיך אינפאָרמירט אין קאָמפּעטענטע קרייזען, איז נישטא קיין שום יסוד אויף צו העכערן די פרייזען פון כשר פלייש.

פרעגען מיר דעריבער די היגע קצבים, אויף וואסער יסוד האט איהר געהעכערט די פרייזען אויף כשר פלייש און מיט וואסערע מאָטיווען האט איהר זיך דערביי געריכטעט ?!

צי האט איהר באַלד געמוזט אויס-נוצען דאס אומגליק פון דרויסען, כדי די ברייטע יודישע מאסען, וועלכע האָרעווען שווער אויף דעם גראָשען, זאלען שוין נישט קענען אָנקומען צו קויפען א שטיקעל כשר פלייש ?

מיר וואלטען גערן געוואלט דאס וויסען.

באַלד ווי ס'איז בעקאַנט געוואָרען, אז דער סיים האט אנגענומען דאס געזעץ וועגען פערבאָטען די ריטועלע שחיטה, האבען די היגע יודישע קצבים אויף אייגענער אחריות א הויב געטהון די פרייזען, אזוי אז אלע זענען פשוט איבערראשט געוואָרען און עס האט ארויסגערופען גרויס פערדרוס ביי דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

„ציגעל" — אויף הילף פאַר ארבייטסלאָזע

דער בירגערליכער ווינטער הילף-קאמיטעט פאַר ארבייטסלאָזע וועט צום שלוס פון דער אַקציע אונטערנעמען דעם פערקויף פון העולי'ך אויסגעפיהרטע „ציגעל", אַרטיסטיש אויסגעפיהרט אויף ערשטקלאסיג פּאַפּיר.

די „ציגעל" וועלען פערקויפט ווע-רען צום פרייז פון 50, 20, 10 און 1 זל. נעמענדיג אין אַכט די וויכטיגקייט פון ציעל, דאַרפען די „ציגעל" דורך אלע ווערען געקויפט. דער קאמיטעט רעכענט דערפון צו דערגרייכען א סומע פון 4.000 זלאָטעס.

רעפעראַט פון ד"ר ראַמאַן בראַנדשטעטער אין מכבי-זאַל

דורך דער איניציאַטיוו פון זעם קולטור-קרייז ביים „מכבי" קומט פאַר זונטאג, דעם 3-טען ד.ח. 8.30 א זייגער אוונד א פאָרלעזונג פון ד"ר ראַמאַן בראַנדשטעטער פון ווארשא א. ד. ט.: „די גייסטיגע ירידה פון פוילישען יודענטום".

ד"ר בראַנדשטעטער איז א בעקאַנ-טער ליטעראַטור-קריטיקער און פּאָליט-מאַניסט, לעצטענס אויך רעדאַקטאָר פון דער יודיש פוילישער צייטונג „נאַוויי גלאָס". דער פרעלעגענט איז אויך א בצוואוסטער דיכטער, ער האט זיך בעריהמט געמאכט מיט זיינע פּרעכטיגע לידער אין „אַפּיניע" און אין „סטער".

ס'איז צו האָפען, אז דער רעפעראַט וועט צאהלרייך בעזוכט ווערען דורך דער היגער געזעלשאַפט.

יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון י.ט.ס.פ. „מכבי"

היינט, פרייטאג, דעם 1 אַפּריל 8 א זייגער אוונד קומט פאַר די יעהרלי-כע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מכבי" אין אייגענעם לאקאל מיט פאָלגענדען טאָג אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהל פון א פאָרזיצער, 3) איבערלייענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פויריגער אַלגעמיי-נער פערזאַמלונג, 4) טעטיגקייטס בע-ריכט פון דער פערוואַלטונג, 5) בעריכט פון דער רעווידיר-קאָמיסיע, 6) דיסקו-סיע, 7) וואַהלען פון פעראיינס אָרגאַנען, 8) פרייע פאָרשלאגען.

פערהאַלטען 3 פראָפעסיאָנעלע גנבים,

אין דער נאכט אויפ'ן 29 מערץ האט מען פון ברעטער סקלאַד פון אברהם פאַטענטרעגער אויף ווילענער מארק 44 צוגעגנב'עט 3 קעסטלעך נעגעל און אַנדערע סחורות אין דער ווערט פון 150 זלאָטעס.

די פּאָליציי האט אונטערגענומען אַן'אויספאָרשונג און אַלס פערדעכטיגע פערהאַלטען די דריי פראָפעסיאָנעלע גנבים: יוזעף מאַיעיטקי, וואַצלאַוו בע בעל און אַנטאַני סאַבטשיק, אהן שטענ-דיגען וואוין אָרט. די אַרעסטירטע זע-נען איבערגעגעבען געוואָרען צו דער דיספּאָזיציע פון דער געריכטס מאכט.

די געגנבעטע סחורה איז אָבגענו-מען געוואָרען ביי איינעגע קריסטליכע געוועלב סוחרים, וועלכע האבען זיך פערטיידיגט, אז זיי האבען די דאזיגע סחורה געקויפט, נישט וויסענדיג, דאס זי שטאַמט פון גנבה.

פון דעטאַליסטען און קליינהענדלער - פערבאַנד

קומענדיג צו דער איבערצייגונג, אז אין דער איצטיגער שווערער צייט פאר דעם יודישען דעטאַליסט און קליינהענד-לער מוז עקזיסטירען א גוט אָרגאַניזיר-טע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, האט די פערוואלטונג פון טשענסטאכאווער קליינהענדלער-פערבאַנד גענומען אויף זיך די אויפגאבע צו פערשטאַרקען די ביזאיצטיגע טעטיגקייט אויף אלע גע-ביטען, ווי: א) עקאָנאָמישען, ב) יורי-דישען, ג) פינאַנסיעלען, ד) ווירטשאַפט-ליכען און א ריי'הע אנדערע און האט בעשלאָסען: צו אָרגאַניזירען א יורידישע אבטיילונג ביי אונזער פערבאַנד אונ-טער דער לייטונג פון בעוואוסטען אַדוואָקאַט פּרל. ע. עפשטיין.

דער סעקרעטאַריאט פון פערבאַנד איז טעטיג אונטער דער לייטונג פון דיר. מ. מאָנעטאַ יעדען טאג חוץ שבת און יום טוב פון 9 ביז 2 און 6 ביז 9 אוועוונד. עס ווערען ערלעדיגט אלערליי פראגען, וועלכע האבען א שייכות מיט'ן דעטייל-קליינהאנדעל און קליינאינדוס-טריע; עס ווערען געשריבען ביטעס, אַפּעלאַציעס, רעקורסען, רעקלאַמאַציעס און אלערליי שטייער און אַדמיניסטראַ-טיווע ענינים, איבערשרייבען אויף דער מאַשין האנדעלס קאָרעספּאָנדענץ, אויך ווערען געגעבען אלערליי אַנווייזונגען אין אלגעמיינע און אינדיווידועלע פראָגען.

יעדער מיטגליד קאן נאכ'ן בעקומען די געהעריגע בעשייניגונג געניסען פון אומזיסטע יורידישע עדות, ערטיילט דורכ'ן פערבאַנדס-אַדוואָקאַט, וועלכער אַמטירט יעדען דאָנערשטאג אין לאקאל פון אונזער אָרגאַניזאַציע אין דער צייט פון 8 ביז 9 אוועוונד.

עס ווערען אויך אנגענומען ספּראַ-וועס צו פערטיידיגען, רעקורסען אין דער קאָמיסיע אַדוואָלאָווסקע ביי דער קעלצער איזבאַ-סקאַרבאָווע פון פּאָדאַ-טעק אָבראָטאָווע און דאָכאָדאָווע. אין דעם פאַל טרעטען ארויס לויט ספּעציע-לע בעפולמעכטיגונגען געגעבען דורך מיטגלידער אַדוו. עפשטיין און דיר. מ. מאָנעטאַ.

וועלענדיג קומען צו הילף די קלע-נערע פּראָווינצער אבטיילונגען פון אונזער צענטראלע אין טשענסטאכאווער פּאָוויאַט האט די פערוואַלטונג בעשלאָ-סען צו ערטיילען אויך יורידישע און פאַכמענישע עצות איהרע מיטגלידער. צו דעם צוועק דאַרפען זיך די פער-אינטערעסירטע צדדים מיט א בעשטע-טיגונג פון דאָרטיגען פעראיין מעלדען אין סעקרעטאַריאט פון פערבאַנד (אַג-ראַדאָווע 5) אין דער אויבען אַנגעווי-זענער צייט.

וועגען די „שוואַרצע ליסטעס"

די ערשטע „שוואַרצע ליסטע" פון פערזאָנען, וואס מיידען אויס צו צאָה-לען אויף ווינטער-הילף, וועט פער-עפענטליכט ווערען שפּעטסטענס ביז'ן 10 אַפּריל. אויף דער דאזיגער ליסטע וועלען פיגורירען די אייגענטימער פון א נדוסטריע און האנדעלס - אונטערנעה-מונגען, וועלכע האבען זיך פולשטענדיג אבגעזאָגט, אדער צאהלען נישט לטובת דער ווינטער-הילף די ענטשפּרעכענדע סומען.

דאס פערעפענטליכען די צווייטע ליסטע מיט נעמען פון די פאַר-שטעהער פון פרייע פּראָפעסיעס, הויז-בעזיצער א. אז. וו. וועט פאָרקומען ;י ערשטע טעג פון חודש מאַי.

דאנגעגען אלע האנדעלס - פירמעס, וועלכע האבען אין הונדערט פּראָצענט ערפולט זייער פליכט, וועלען בעקומען עסטעטיש-אויסגעפיהרטע בעשייניגונגען אין דער פאָרם פון „נאַלעפּקעס".

שרעקליכער טויט פון א קינד

אין איינער פון די וואוינונגען אויף היינע-וואָרנעסקא גאַס 10 איז געשעהן א שוידערליכער מאַרפאַל. ביי איהר זיידע האט פערבראַכט די 10 יעהריגע דאַניע-לאַ יאַבקעוויטש און ווען זי האט אונ-פאָרזיכטיגערהייר אראבגענומען דעם טשייניק מיט קאָכעדיג וואַסער, האט זי דאס גאנצע וואַסער אויסגעגאָסען אויף זיך. דאס מיידעל איז דערפון שטארק אָבגעבריהט געוואָרען און איז אין א שווערען צושטאנד אבגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל אריין, וואו זי איז געשטאָרבען אין שרעקליכע יסורים.

א גוטע געלעגענהייט צו-פער-ווייל;ן זיך וועט אייך געבען אין קירצען קינאָ „לונאָ"

סטאַניסלאַוו שעלאָנסקי

דער הומאָר - קעניג צוזאמען מיט

גראָסובנאַ, מעסאַלקאַ, אַרוויד סקוויערטשינסקי סקאָנעטשני

אינ'ם הומאָרפולען פילם

Szczęśliwa trzynastka

פונ'ם יודאָאיסטישען צענטער

מאָרגען, שבת פונקטליך 4 א זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון ה' פּראָפ. יאַנאָווסקי, וועלכער וועט רע-פעירען א. ד. ט.: „חסידות" (המשך).

א כוליגאַנישער טהאַט געגען א יוד

פרייטאג פאַרמיטאג, בעת חיים ליי-זער אייזענשטיין איז געגאַנגען דורכ'ן אלטען מארק, האבען עטליכע אדורכ-געהענדע כוליגאַנעס איהם א וואָרף געגעבען א ברענענדען געגענשטאנד אין פנים אריין און אָבגעבריהט דעם שטערן, ווי אויך די הויט אויף די אויגען.

די ערשטע הילף האט אייזענשטיין בעקומען אין יודישען שפּיטאָל און דאָן ביים אויגען - דאָקטאָר לעווקאָוויטש, וועלכער האט ערקלערט, אז צו זיין גרויסען מזל האט אייזענשטיין אינ'ם מאָמענט פון וואָרפען דאס פייער פער-מאכט די אויגען און דאס האט איהם אָבגעראַטעוועט פון טרויריגע פאָלגען.

די כוליגאַנעס זענען אונגעשטערט פערשוואונדען.

צושלאָגען א יודישען פאַבריקאַנט

יענע וואָך, בעת דער אייגענטי-מער פון דער פאַבריק פון ראַוועדען-טיילען אויף אָלשטינסקא גאַס, יהושע פליגעלמאַן, איז געגאַנגען צו זיין בע-שעפטיגונג, איז ער געבען דער תפיסה שווער צושלאָגען געוואָרען דורך נישט-ענטדעקטע שלעגער.

דער צושלאָגענער ליגט אין בעט און וועט אדורכמאכען א לענגערע קוראַציע. נישט האבענדיג קיין פער-טרעטער, וועמען ער זאל קענען אָנ-טרויען דאס איהרען זיין אונטערנעה-מונג, האט ה' פליגעלמאַן פאָרלויפיג געשלאָסען די פאַבריק, אין וועלכער ס'זענען געווען בעשעפטיגט 15 ארביי-טער.

העכער א מיליאָן זלאָטעס ענטשע-דיגונג פאָדערן די טאָרפּעדאָ-געליטענע

שבת איז אבגעפלאסען דער לעצטער טערמין פון בעלעגען אָנקלאָגעס וועגען ענטשעדיגונג פאר די פּאַסאַזשירען, וועלכע זענען געפאלען קרבנות פון דער לוקס טאָרפּעדאָ היגטער רודניק. קיינעם פון די דאזיגע געליטענע, צווישען וועלכע ס'געפינען זיך איינעגע טשענ-סטאכאווער אייגוואוינער, איז נישט געלונגען אדורכצוקומען אויף א פריד-ליכען וועג מיט'ן באַהן מיניסטעריום.

KINO „EDEN".

Aleja 27.

ערשטער פילם אין נאַטירליכע קאָלירען

NARODZINY GWIAZDY

דראַמע, וואס שילדערט די ליכטיגע און טונקעלע זייטען פון בעריהמטקייט.

הויפּט-ראָלען:

זשאַנעט גייַנאָר און פרעדריק מאַרטש

שבת און זונטאָג בייטאג—סאָניע העניע

KSIĄŻĘ X

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' הירצקע מאַנדעל און פרוי צו דער תנאים פון זייער טאָכטער 10 קילאָ ברויט.

ה' שלמה הערש קאַט 10 קילאָ ברויט.

ה' אברהם גליקסמאַן 1 זל.

ה' משה לייב פישהאלטער 1 זל.

ה' שמשון ליכטער 1 זל.

ה' ב. באָהשאַן און פרוי צו דער יאהרצייט פון זייער טאָכטער 10 קילאָ ברויט.

פערמשפּט פאַר פרובען איבערצו-קויפען א פּאָליציאַנט

די פּאָליציי האט צונויפגעשטעלט א פּראָטאָקאָל געגען סטאַניסלאַוו גראַבאָוו-סקי (נאַרוטאָוויטשאַ 47–53), וועלכער האט געפרובט איבערצוקויפען א פּאָלי-ציי-פונקציאָנאַר, דערלאנגענדיג איהם א 10 זלאָטי-מטבע. דערמיט האט גראָ-באָווסקי געוואלט פועל'ן, אז דער פּאָ-ליציאַנט זאל נישט צונויפשטעלען געגען איהם קיין פּראָטאָקאָל פאר וואלד-גנבה.

דאס געריכט האט גראַבאָווסקי'ן פער'משפּט אויף 7 טאג אַרעסט.

פאַר אויספּרעסען געלד אויף בראַנפען

דעם 30 יאנואר שפּעט אין אָוועגד זענען צו פּאַוועל שטעפּלינסקי, אויפ'ן וועג קיין קאָוואַ'זשע צוגעגאַנגען דריי פערשוינען און פערלאנגט געלד אויף בראַנפען, בענוצענדיג זיך געגען איהם מיט די פויסטען.

די אויספאָרשונג האט פעסטגע-שטעלט, אז דאס זענען געווען: יוזעף ווזשוד, הענריק גאַיאָווטשיק און יוזעף פידזשינסקי.

דאס קרייז-געריכט האט דעם ער-שטען פערמשפּט אויף 8 חדשים און 50 זל. שטראָף, גאַיאָווטשיק'ן — אויף 6 חדשים און 20 זל. און פידזשינסקי'ן — אויף 6 חדשים און 40 זל. שטראָף. די אַרעסט שטראָף איז אלע דריי אָנגע-קלאָגטע אָבגעלעגט געוואָרען אויף 5 יאָהר.

Kino „LUNA"

היינט פּרעמיערע !

זי האט נישט געוואָלט זיך פערקויפען...

זי האט געמוזט געפונען אַן'אויסוועג...

מיסגעברויכט דעם צוטרוי...

DANIELLE DARRIEUX

אינ'ם פילם

ZAWINIŁAM

דער דאָזיגער פילם איז געוואָרען אויס-געצייכענט דורך דער שטאָדט פּאַריז.

Kino-Teatr „STYLOWY"

KRÓL i CHÓRZYSTKA

אילוסטרירט דעם ראָמאַן פון א כאָריסטין און אַן'עקס-קעניג.

הערליכער פערשיכורענדער פילם, אי-לוסטרירט דאָס לעבען אין פּאַריז.

אין די הויפּט-ראָלען:

Fernand Gravet

Joan Blondell

שבת און זונטאג מיטאג פּוילישער פילם

Za zasłoną